ויקראת לשבת עונג

בעזהשי"ת

# גליונות

# לכבוד שבת קודש

## דברי תורה ~ סיפורי צדיקים

## וענינים שונים

פרשת מקץ תשע"ט





גליונות
לכבוד
שבת

צי' אראפ נעמען די גליון גייט צי'
https://gilyonesforshabbes.wixsite.com/gilyones
אדער שיקט אן אימעיל צי'
gilyonesforshabbes@gmail.com

© כל הזכויות שמורות

גליון שלהבת

שלהבת
SHALHEVES

מיסודם של הרה"ג ר' **שמשון פינקוס** זצ"ל
ויבדלחט"א הרה"ג ר' **עזריאל טויבער** שליט"א

## מחשבה קאפיטלען

מיר געפינען זיך טיף אינמיטן די חנוכה טעג. אין די לעצטערע דורות מאכט כלל ישראל א גרויס עסק פון די חנוכה טעג, אין ספרי חסידות ווערט געברענגט גאר גרויסע הפלגות איבער די סגולת ימי החנוכה, אז אין די טעג קענען מיר מקבל זיין השפעות עצומות פאר'ן גאנצן יאר, און דאס איז דער גמר החתימה או"וו.

אבער, דא ווערט ערוועקט די פראגע: ווען מיר וועלן אריינקוקן אין די ספרי קדמונים וועלן מיר זען אז כמעט וואס עס איז נישטא קיין עסק איבער די גודל קדושת ימי חנוכה, און זיכער נישט אויף דעם פארנעם ווי אזוי מיר פייערן דאס. אין די גמרא איז נאר פארהאן איינצעלנע בלעטער אין מסכת שבת, און אפילו אין זוהר הקדוש, וואס דאס איז דער שורש הנסתר, ווערט אבער חנוכה דארט כמעט נישט דערמאנט, און נאר אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאר איז דאס פלוצלינג געווארן אן עבודה נשגבה.

וואס איז פשט אין דעם? אויב חנוכה איז באמת אזא גרויסער און געהויבענער זמן, דעמאלט פארוואס האבן מיר נישט דערויף פריערדיגע מקורות, פארוואס טרעפן מיר ניטאמאל אין זוהר הקדוש כאטשיג עפעס איבער די גרויסע טעג?

אט די פראגע פרעגט דער הייליגער בני יששכר זעלבסט, און ער באציט זיך צו די נקודה (מאמרי חודש כסליו טבת, שער ב' אות כ"א) ווי פאלגענד: הנה העדתי לך שלשה עדים נאמנים אשר הארת אור חנוכה הוא מבחינת אור הגנוז, (בעל הרוקח, מהר"ל מפראג, ומהר"פ מקאריץ פון וועם ער ברענגט נאך אז חנוכה איז דא א הארת אור הגנוז) על כן היא מצוה שרק נרמזת בתורה בגניזה, וכן בזוהר הקדוש לא תמצא מדברים מעניני נר חנוכה (נאר איינמאל ווערט דארט דערמאנט בדרך אגב יו"ט חנוכה) והוא מטעם הנ"ל שהוא מן בחינת אור הגנוז, וקראו לימים האלה חנוכה שהוא חינוך לגאולה העתידה שיתגלה האור הגנוז. והנה לבעבור זה הדורות שהן סמוכין לגאולה התחילו חכמי הדור לדבר מעניני המצוה הזאת מה שלא שיערו הראשונים, והוא סוד כמוס".

זאגט דער בני יששכר א מורא'דיגער יסוד:

די גאנצע הארה פון חנוכה איז אן ענין פון חינוך און צוגרייטונג צום אור הגנוז!

און דעריבער, וויפיל די דורות ריקן זיך שפעטער און עס דערנענטערט זיך די גאולה העתידה, אזויפיל ווערט נתעורר דער צורך צו פארשטערקערן און מגביר זיין די חינוך.

דאס איז פונקט ווי א קינד וואס מען איז מחנך ער זאל פאסטן יום כיפור, דעמאלט, ווען ער איז א קליין קינד, אכט יאר אלט, זאגט מען אים אז ער זאל פאסטן נאר איינצעלנע שעות. איי, יום כיפור איז דאך א פאסט טאג פון פיר-און-צוואנציג שעות? פיין, דערפאר איז נאך דא עטליכע יארן ביז צו זיין בר מצוה, און יעדע פארבייגייענדער יאר לייגט מען צו נאך עטליכע שעה צו פאסטן, און וויפיל דער דאטום פונעם בר מצוה דערנענטערט זיך, אזויפיל פארשטערקערן מיר די חינוך און מיר פאדערן פונעם קינד אז ער זאל פאסטן כמעט דעם גאנצן תענית... ווייל... נאך אביסל און דער בר מצוה קומט אן, און מ'דארף זיין גרייט און מחונך צו וויסן ווי אזוי צו פאסטן א גאנצן טאג.

די זעלבע, פאר צוויי טויזנט יאר צוריק האט זיך שוין אנגעהויבן די ימי החנוכה, עס האט שוין אנגעהויבן מתנוצץ צו זיין דער אור הגנוז, און דעמאלט האבן שוין חז"ל אונז אנגעהויבן מחנך צו זיין אין בעפארברייטונג צום אור הגנוז, אבער דערווייל איז נאכנישט געקומען די צייט, און עס איז נאך איבערגעבליבן עטליכע יאר ביז די גאולה, און דעריבער איז דער חינוך פארשטאטערט געווארן, (אזוי ווי דער אכט יעריגער קינד וואס מען איז אים טאקע מחנך, אבער מיט א רואיגקייט...), אבער לויט ווי די יארן גייען פארביי און דער הארת אור הגנוז דערנענטערט זיך, אזויפיל דארפן מיר צואיילן און פארשטערקערן דעם חינוך.

און דעריבער, וואספארא יאר עס איז פאריבער אויף כלל ישראל, עס איז געווארן שפעטער, די דורות האבן זיך געריקט מער און מער, אזויפיל האט מען אנגעהויבן מער מאכן אן עסק פון יו"ט חנוכה.

און אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאר האט דער אר"י הק' און זיינע תלמידים זי"ע אונז מגלה געווען אז דער קץ הגאולה דערנענטערט זיך שוין, דעריבער האט מען אנגעהויבן

פארזעצונג אויף זייט 2 <<<

קול שלהבת
KOL SHALHEVES

צו הערן פארשידענע שמועסן און שיעורים, אין די נושאים פון:
**חינוך | אמונה | השקפה**
און נאך פילע טעמע'ס
אידיש, לשוה"ק, ענגליש

קול שלהבת
929.222.9900

ארץ ישראל
03-6171103
073-295110

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, שיקט אן אימעיל צו:

אין אידיש
e.shalhevesyiddish@gmail.com

אין לשה"ק
e.shalhevet@gmail.com

אין ענגליש
e.shalhevesenglish@gmail.com

## מחשבה קאפיטלען

אין די ספרי חסידות צו פארשטערקערן דעם עסק פון עבודת ימי החנוכה, יא... מיר דארפן זיך צואיילן און מתחנך זיין און זיך לערנען ווי אזוי מען איז מקבל דעם אור הגנוז, ווייל נאך אביסל און עס איז דא...

**ביז אהער זענען עטליכע הויכע ווערטער...מיר וועלן פראבירן דאס עטוואס איבערטייטשן און אראפ ברענגען...**

לצורך הענין, וועלן מיר מקדים זיין און ברענגען דעם זוהר הקדוש וואס זאגט, אז משיח און דער אור הגנוז וועלן נישט נתגלה ווערן אויפאיינמאל! נישט אזוי ווי מיר אלע טראכטן אז משיח וועט אנקומען פלוצלינג (משיח וועט טאקע אנקומען בהיסח הדעת אזוי ווי מיר ווייסן פון חז"ל, אבער דער מושג 'משיח' איז אן הנהגה כללית פון מלכות שמים וואס ווערט אנגערופן "ימות המשיח" וואס דערפון רעדן מיר יעצט), ניין! משיח וועט אנקומען צוביסלעך, פאמעליך.

פארוואס? דער זוהר הקדוש ערקלערט דאס מיט א משל, אז דאס איז פונקט ווי א מענטש וואס געפינט זיך אין א שטאק פינסטערן צימער, און אויב וועלן מיר פלוצלינג עפענען דעם טיר און עס וועט אריינשיינען אויף איינמאל א שטארקע ליכטיגקייט, דאן וועט ער דאך בלינד ווערן, דעריבער עפנט מען דעם טיר צוביסלעך, אז די ליכטיגקייט זאל אריינשיינען צוביסלעך, און די אויגן זאלן זיך צוגעוואוינען צום שיין, און דערנאך עפנט מען נאך אביסל און עס קומט אריין נאך א שטראל, און אזוי נאך אביסל, ביז מען קען שוין עפענען דעם טיר אינגאנצן... זאגט דער זוהר הקדוש, די זעלבע איז מיט די גאולה העתידה! התנוצצות אורו של משיח און אור הגנוז איז א זאך וואס קען נישט אנקומען אויפאיינאמאל, ווייל די וועלט קען נישט דערהייבן דעם אור עצום, דעריבער, שוין אין אנהויב פון די צוויי טויזנט יאר, דעמאלט איז שוין נתנוצץ געווארן א שטראל פון אורו של משיח, און אונזער תפקיד איז צו כאפן דעם אור, דאס פארשטערקערן, דאס אויסניצן זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן, און נאך וואס מיר וועלן זיך שוין צוגעוואוינען צו דעם שטראל, דאן וועט קומען נאך א אור, און נאך א אור אא"וו... ביז ווען איין טאג וועלן געעפנט ווערן אלע טויערן און אלע מחיצות וועלן אוועקגענומען ווערן, און דעמאלט וועט נתגלה ווערן אורו של משיח און דער אור הגנוז.

עכ"פ זעען מיר דא, אז שוין יעצט ווערט נתגלה דער אור של משיח, און שוין יעצט קענען מיר זיך שוין אנכאפן און זיך דערשטארקן אינעם אור... **די פראגע איז נאר: ווי אזוי? וואו און ווען קומט דאס אריין אין אונזער טאג טעגליכן לעבן?**

איז ווי פאלגענד, כל זמן עס איז געווען שני אלפים תורה, צוויי טויזנט יאר פון תורה, עס איז געווען אנווייזונגען פון אויבן אין הימל ווי אזוי מיר זאלן זיך פירן, אנווייזונגען פון הר סיני ווי אזוי זיך צו פירן, די תורה באפעלט אונז וואס מיר דארפן טון און אלעס איז פארגעשריבן לויט'ן רצון התורה, וואס עס שטייט אין די תורה טוט מען און וואס נישט נישט, און פלוצלינג האט זיך אנגעהויבן די שני אלפים ימות המשיח, וואס דא ווערט שוין ערוועקט נייע מצבים, אלע סארטן סיטואציעס וואס שטייט נישט ארויסגעשריבן אין די תורה, די תורה רעדט נישט און שרייבט נישט דערוועגן, אויב אזוי, דאן האבן מיר נישט קיין אינפארמאציע ווי אזוי זיך דעמאלט צו פירן, מיר ווייסן נישט וואס צו טון, אלעס איז אפן, קיינער שטערט נישט.

און דא!!! דא פאנגט זיך אן עפעס ניי... דא הייבט זיך אן דער אור הגנוז! דאס איז באהאלטן אין די תורה אבער נישט מפורש און ארויסגעשריבן אין די תורה...

דעם אור הגנוז רופן מיר: עול מלכות שמים!

וואס איז דער חילוק צווישן עול תורה און עול מלכות שמים?

עול תורה באדייט אז עס איז דא א תורה וואס זאגט אונז וואס מיר זאלן טון, עס איז פארהאן פונקטליכע אנווייזונגען און דירעקציעס פון אויבן ווי אזוי זיך צו פירן. דאס איז אן אפענער אור, א אור גלוי! נישט באהאלטן!

ווידעראום, עול מלכות שמים דאס איז שוין א באהאלטענער אור, א אור וואס קומט פון אונז, מיר דארפן אנצינדן דעם אור.

אברהם אבינו האט נישט פארמאגט דעם פריוויליגיע וואס איר נאמען איז עול תורה, קיינער האט זיך צו אים נישט געוואנדן און באפוילן, ער האט נישט געהאט קיין מתן תורה וואו דער אויבערשטער האט זיך צו אים באוויזן און געזאגט 'לא יהיה לך אלוהים אחרים על פני'... ניין! נו... דעמאלט פון וואו האט אברהם אבינו געוואוסט אלעס אפצולאזן?

ער האט געהאט עול מלכות שמים! ער זעלבסט האט אנגעצינדן דעם אור, ער אליין האט דאס אנגעצינדן, ער האט בוחר געווען אינעם אויבערשטן, און ער פון זיין אייגן רצון האט געוואלט ממליך זיין דעם אויבערשטן! דאס איז געווען אברהם אבינו פון פאר מתן תורה און דאס איז אויך דער אור הגנוז וואס ווערט נתגלה אין די שני אלפים ימות המשיח...

נאך די שני אלפים תורה... ערוועקט זיך פלולינג ווידער דער תורת האבות, מיר טרעפן זיך ווידער שטיין אליין קעגן די אלע נייע מצבים איבער וואס מיר קענן נישט פונקטליך אנדייטן מיטן פינגער אז די תורה ערלויבט יא דאס און דאס צו טון אדער נישט, מיר האבן נישט קיין קלארע אנווייזונגען, עס שטייט אין ערגעץ נישט אין די תורה אז א מענטש איז מחוייב מקבל צו זיין יסורים באהבה, אבער פלוצלינג הייבט אן צו אויפשיינען דער אורו של משיח, דער אור הגנוז, א באהאלטענער אור, און עס קומען אומבאקאנטע מצבים, מצבים מיט וואס מיר האבן זיך נאך קיינמאל אנגעשטויסן, א איד שטייט קעגן זיינע שווערע מצבים, ער פראבירט צו טון די בעסטע וואס שייך, דינען דעם אויבערשטן לויט אלע זיינע מעגליכקייטן, און מיט דעם אלעם גייט אים שווער... צדיק ורע לו... און עס ווערט געשטעלט די פראגע: זאל מען דאס מקבל זיין באהבה, זאל מען ממליך זיין דעם אויבערשטן אויך אין דעם מצב? די תורה איז מיר נישט מחייב! די תורה זאגט נישט גארנישט וואס צו טון אין אזא פאל, נישטא קיין שום חיוב מדאורייתא אז איך זאל מקבל זיין מיין מצב!!! איך קען מיר קעגנשטעלן... זאל איך מקבל זיין אדער נישט???

אט איז דער קליינער שטראל פונעם באהאלטענעם אור וואס הייבט אן צו לייכטן און שטראלן, עס שיינט אריין אינעם איד... יא מקבל זיין עול מלכות שמים באהבה? אדער פארזעצן און זיין אן עבד נאמן נאר צום עול תורה, צו זיין אן אור נאמן נאר צום אפענער אור (צו דאס וואס שטייט) און נישט צום באהאלטענעם אור (וואס שטייט נישט ארויסגעשריבן בפירוש אין די תורה).

און דא איז אונזער בחירה אויב מיר זאלן מקרב זיין די גאולה און פארשטערקערן דעם קליינעם שטראל וואס דרינגט אריין אין אונז אדער נישט... דאס איז תורת האבות... דאס איז עפעס וואס קומט פון מיר, און דער אויבערשטער שיקט מיר די אלע בליצן, נישטא קיין דירעקטע אנווייזונגען וואס איך זאל בוחר זיין און אויסדריקן מיין באגלייבטקייט צום אויבערשטן.

די זעלבע, די אלע פרישע ענינים וואס איז צוגעלייגט געווארן צום אידישן פאלק אין לויף פון די לעצטערע יארן, ווי צום ביישפיל חנוכה! וואו שטייט חנוכה אין די תורה? ניין!

פארזעצונג אויף זייט 4 <<<

# פראגע'ס און ענטפער'ס

שאלות וואס זענען
געענטפערט געווארן דורך
הרב **עזריאל טויבער**
שליט"א

**פראגע: ?**

צום ערשט א יישר כח אויף די וועכנטליכע גליונות מיט וואס איך בין זיך שטארק מחי', איר זאלט זיין געבענטשט.

איך האב א פראגע אויף וועלכע איך מוטשע זיך שוין פונלאנג צו דערגרייכן אן ענטפער דערויף.

ווען איך טו א מצוה אדער עס געלונגט מיר זיך מתגבר צו זיין אויפן יצר טוב, האט איך א גוטן געפיל און צופרידנהייט.

די פראגע איז, ווי אזוי קען איך וויסן באמת אויב איך דין דעם אויבערשטן און איך טו זיין רצון מיט אן אמת, און נישט אלעס וואס איך טו איז אז איך זאל שפירן גוט און באקומען שכר אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

מיין באשערטן שידוך מן השמים איז דערוויילן נאכנישט אנגעקומען, און איך שפיר אז איך דארף זיך אויפפירן ווי עס ברויך צו זיין און טון דעם רצון ה' מיט אן אמת כדי איך זאל באקומען מיין שידוך אינעם נאנטן צוקונפט, און נישט סתם א שידוך, נאר איך זאל זוכה זיין צו א בחור א בעל מדות טובות (און ווי פארשטענדליך אז נאך וואס איך וועל חתונה האבן וועל איך ווילן האבן גוטע קינדער... אין לדבר סוף, אלעמאל וועט אי"ה זיין אויף וואס מען וועט ווארטן און האפן), און דעריבער פראביר איך די מאקסימום וואס מעגליך זיך צו שטארקן און טון דעם רצון ה'.

איז מיין פראגע, ווען דין איך באמת און ווען דין איך? צו דין איך דעם אויבערשטן אדער איך דין גאר מיר זעלבסט? פון איין זייט זאגט אונז דער אויבערשטער אז מיר זאלן טון מצוות און באקומען שכר (און ווי עס שטייט אין משנה "רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות", דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן טון זיין רצון דעריבער איז ער אונז מבטיח שכר אויף די וועלט און אויף יענע וועלט), און פון די צווייטע זייט זענען מיר מחוייב צו טון דעם רצון ה' בלב שלם (און אפילו אויב ווילן מיר נישט באקומען קיין שטראף אויב מיר זענען נישט מקיים די מצוות).

דעמאלט, וואס איז די ריכטיגע מחשבה, השקפה און כוונה כלפי קיום המצוות?

דארף טאקע זיין ווי אויבנדערמאנט, אדער איך האב א טעות אינעם גאנצן עבודת ה', אדער עס זענען גאר דא צוויי סארט מהלכים, איינס צו טון דעם רצון ה' צוליב שכר ועונש אדער טון דעם רצון ה' ווייל אזוי האט ער אונז באפוילן?

**ענטפער פון הרב עזריאל: !**

א מענטש וואס טוט מצוות און האט הנאה דערפון, טוט די מצוות בשלימות! דאס איז אויסגעצייכנט און גאר א לכתחילה.

דאס אז מיר טוען מצוות צוליב אונזער אייגענע הנאות איז גוט און קיין פראבלעם, און פארקערט, מיר שאפן דערמיט א נחת רוח פאר אונזער טאטן אין הימל ווען ער זעט ווי זיינע קינדער, און נאך דערצו אזעלכע וואס געפינען זיך אין א שווערן מצב, טוען וואס זיי ברויכן מיט א פארשטאנד אז דאס וואס מען טוט איז גוט און נישט נאר ווייל אזוי האט דער אויבערשטער באפוילן.

דער אויבערשטער פריידט זיך ווערן ער האט גוטע קינדער וואס ווייסן וואו צו אינוועסטירן, כדי עס זאלן קומען די גוטע רעזולטאטן. דער אויבערשטער צייגט אונז אן אויף גוויסע נקודות און רעקאמאנדירט אונז: דא איז גוט משקיע צו זיין! ווייל "למען יאריכון ימיך". זאלסט זיין א מענטש מיט יושר אין דיני ממונות, ווייל "נקי כפים ובר לבב וכו' ישא ברכה מאת ד' ", דאס איז א מענטש וואס פארדינט און האט הנאה פון זיין לעבן. די גליקליכקייט אין לעבן קומט פון דאס וואס א מענטש טוט דעם רצון ה', און פארקערט, אויב ח"ו וועסטו ארייגפאלן אינעם אינטערנעט דאן וועט נישט זיין גוט, נישט נאר וויבאלד עס איז אסור און וכו' וכו'... נאר ווייל דא דערלייגט מען!... דאס איז א געפארפולע השקעה, עס איז גאר שטארק מעגליך אז דו וועסט גיין א גאנג און זיך טאטאל פארלירן.

און ווען דער בורא שטייט און זעט ווי זיין קלוגער און פארשטענדליכער זון שטייט און פאלגט זיינע אנווייזונגען און איז מקיים די מצוות אויפן בעסטן אופן וואס מעגליך, האט ער דאן אינוועסטירט אינעם בעסטן פלאץ וואס נאר מעגליך און עס האט געברענגט גוטע רעזולטאטן, האט דער אויבערשטער א שמחה דערפון, אזוי ווי יעדע טאטע וואס פריידט זיך ווען זיין זון איז מצליח, ער הארכט אים און ער זעט געבענטשטע פירות אין זיין פלאג.

און דערצו א משל: אמאל האט א טאטע אנטפלעקט פאר זיין עלטערן זון וועלכע פלעגט זיך אויפפירן מאדנע און טון שטותים, ער פלעגט אינוועסטירן און אלע סארט געפארפולע ערטער און שפענדן זיין געלט פאר גארנישט, דער טאטע האט געוומען זיין זון און מיט אים געשמועסט און געגעבן צו פארשטיין דאס וואס ער טוט, און ער האט אים

פארזעצונג אויף זייט 4 <<<

**שאלות און תשובות קענען געשיקט ווערן צו הרב עזריאל טאובער שליט"א, דורך אימעיל: e.shalhevesyiddish@gmail.com**

## מחשבה קאפיטלען

דאס איז דער אור הגנוז! דאס איז נישט עול תורה, נאר עול מלכות שמים! דאס איז עפעס וואס קומט פון אונז...

נאך אביסל און עס קומט שובבי"ם... שובבי"ם ווערט נאך ווייניגער דערמאנט אין קדמונים ווי יו"ט חנוכה, נו, וואס איז דאס? פון וואו קומען די אלע פרישע ענינים?

דאס איז דער אור הגנוז!!! אור הגנוז איז יעדע מעגליכקייט וואס דער אויבערשטער ערמעגליכט אונז אז מיר זאלן אליין דערמיט אויפקומען, פון אונזער אייגענער געדאנק און מקבל זיין עול מלכות שמים! ווייל דאס קומט פון אונז, דאס קומט נישט פון אויבן, דאס קומט פון אונטן.

דאס איז דער הארת אור הגנוז, דער אויבערשטער עפנט אונז א דינעם שפאלט, א שטראל, ער געט אונז א געלעגנהייט מיר זאלן אים ממליך זיין, און מיר זענען מסכים... מיר גייען אין דערויף, די אלע פעקלעך און שוועריגקייטן וואס דער אויבערשטער שיקט צו פאר יעדן פון אונז... און דאס איז שווער, עס איז נישטא אין דעם קיין כללים, נישטא אין דעם קיין קלארע אנווייזונגען פון אויבן, און אלעס איז אפן, מיר קענען אננעמען דעם מצב באהבה אדער חלילה פארקערט... און א איד וואס כאפט זיך צו צו דעם אור און באשליסט אויסצוניצן דעם געלעגנהייט וואס דער אויבערשטער האט אים צוגעשיקט און איז אים ממליך מיט דעם וואס ער פארמעסט זיך מיט די שוועריגקייטן, ער האט געברענגט די גאולה פאראויס!

---

דאס איז דער פשוט'ער פשט אין די ווערטער פונעם רמב"ם וואס זאגט: מי שלא מחכה למשיח ומצפה לביאתו הרי הוא כופר באחד מי"ג עיקרים!!! דאס איז דאך פחד פחדים, ווער פון אונז ווארט דען נישט טאג טעגליך אויפן אנקום פון משיח? ווער פון אונז האט צוגעגרייט ספעציעלע קליידער פאר ביאת המשיח? ווער דען עולה על הדעת זיין אז עס ווער ווארט און האפט נישט שטענדיג אויף משיח דער איז א כופר? צי זענען מיר אלע כופרים?

זיכער אז נישט! נאר וואס דען?

ווען דער רמב"ם זאגט ווארטן אויף משיח רעדט ער נישט איבער א מיסטעריעזע געשטאלט וואס געפינט זיך ערגעצוואו אין די הרי אררט, און ווער עס פאנטאזירט דאס נישט און שטעלט זיך דאס נישט פאר דער איז א כופר... ניין!!!

ספר הרמב"ם איז א ספר הלכה, און לערנט אונז הלכה למעשה! און ווען ער זאגט אז ווארטן אויף משיח איז עפעס א 'פעולה מעשי', איז דאס א פאקטישער פעולה וואס ליגט אויף אונז צו טון טאג טעגליך! און דער טאג טעגליכער פעולה איז, דער שטראל, דער אור וואס שיינט אין אונז, און מיר האבן די מעגליכקייט זיך צו מאכן אומוויסנד פון דעם הארה, און די זעלבע האבן מיר די מעגליכקייט צו נעמען דעם אור און פארווירקליכן אין א מציאות, גיין ווייטער דערמיט! דא באפעלט אונז דער רמב"ם אז מיר זאלן ווארטן אויף משיח! דאס מיינט: גיין פאראויס קעגן אים, טון פעולות וואס זאלן נענטער ברענגען משיח, און זיך צוכאפן צום אור וואס ווערט צו אונז צוגעשיקט און דאס ניצן אויף למעשה!

נישט אומזיסט איז חנוכה א אור אינעם פינסטערניש! דער אור הגנוז. וואו איז דער אור הגנוז? דאס איז באהאלטן אין די פינסטערע און טונקעלע רגעים אין אונזער לעבן, דארט געפינט זיך א שטראל, א אור, וואס אויב וועלן מיר נעמען די טונקעלע רגעים און מיר וועלן דאס אויפלייכטן דורכדעם וואס מיר וועלן מקבל זיין עול מלכות שמים און מקבל זיין באהבה דעם רצון ה', דאס איז מקרב די גאולה, און דאס איז אמונה בביאת המשיח און דער חיוב צו ווארטן אויף אים, בקרוב ממש...

## פראגע'ס ענטפער'ס

>>> פארזעצונג פון זייט 3

ערקלערט די הארבקייט פון זיין אויפירונג.

דער זון האט זיך צוגעהערט צו זיין פאטערס רייד, און ער האט געפאלגט זיין טאטן און אים געזאגט: איך בין מקיים דאס וואס דו האסט מיר געזאגט, איך זע ווי שטארק דו נעמסט דאס צום הארצן, דעמאלט, פאר דיר הער איך אויף צו גנב'נען און אינוועסטירן און מסכונ'דיגע זאכן, נאר ווייל איך וויל דיר מכבד זיין.

וואס וועט אזא פאטער ענטפערן פאר זיין זון?

ניין!!! טו דאס נישט פאר מיר! איך בין מוותר אויף מיין כבוד! איך וואלט ענדערש געוואלט אז דו זאלסט הערן אז דו פארשטייסט דאס פון דיין ערוואקסנקייט, דו אליין זאלסט פארשטיין אז עס איז נישט גוט דאס וואס דו טוסט און ווי אזוי דו פירסט זיך, זאלסט פארשטיין אז גנב'נען איז נישט מענטשליך און נארמאל און דו זאלסט אויפהערן מיט דיינע מעשים. און נישט וויבאלד דו ביסט מיר מכבד און דו פאלגסט מיר ווי א זעלנער וועלכער הארכט צו די ווערטער פון זיין גענעראל.

עלטערן ווילן זען זייערע קינדער ערוואקסן און טוען נישט קיין שטותים, נישט ווייל די טאטע און מאמע ווילן דאס נישט, נאר וויבאלד זיי פארשטייען אז דאס איז אין באמת "נישט צום זאך"...

די זעלבע ברוחניות: ווען דער אויבערשטער זאגט אונז אז מיר זאלן גיין אויפן ריכטיגן וועג, איז דאס באמת צוליב דעם וואס דער אויבערשטער אז מיר זאלן פארשטיין אז דאס איז די ריכטיגע וועג און אויב איך וועל אזוי טון דאן איז דאס די בעסטע פאר מיר, און פארקערט, ווער עס טוט דעם רצון ה' נאר וויבאלד דער אויבערשטער האט געהייסן, און ער פון זיין זייט פארשטייט נישט פארוואס און וואס ער טוט, דעמאלט בלייבט ער נאך איבער אין די ערשטע פאזעס און ער האט זיך נישט מתגבר געווען...

וועלן מיר זיך צוריקקערן צו אייער פראגע: וואס איז ענדערש? מקיים צו זיין די מצוות ווייל איך פארדין דערפון אדער וויבאלד דאס איז דער רצון ה'?

דער ענטפער איז, עס איז נישט קיין סתירה בכלל!

דער בורא עולם וויל אז איך זאל פארדינען און עס זאל מיר זיין גוט, דעריבער געט ער מיר די מצוות.

דער אויבערשטער וויל געבן רעגן, בעתו יורה ומלקוש, און דעריבער בעט ער פון אונז אז מיר זאל אים דינען בכל לבבו ונפשו ווי מיר זאגן יעדן טאג ביי קריאת שמע. און אויב האבן מיר אים טאקע געדינט מיט'ן גאנצן הארץ, און די רעגן איז געקומען אין צייט, דא איז מקויים געווארן דעם רצון ה' אז ער וויל געבן רעגן און מיר האבן אים ערמעגליכט דאס צו טון מיט דעם וואס "מיר האבן געדריקט די ריכטיגע קנעפלעך" און מקיים געווען זיין רצון בשמחה.

בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

מקץ - חנוכה

גליון פד שנה ג



בהכוונת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א

# פון ווי נעמט די כח ביי צו שטיין?

אין די תפילה פון על הניסים וואס מיר לייגן צו אין די חנוכה טעג זאגן מיר אז די יוונים האבן געוואלט "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך" פארגעסן מאכן די תורה און ברענגען די יודען צו עובר זיין אויף חוקי התורה.

מיר ווייסן אז ווען מלכות רומי האט געוועלטיגט אויף ארץ ישראל האבן זיי גוזר געווען מ'זאל נישט לערנען תורה, די יוונים וואס זענען געווען אסאך יאהרן שפעטער האבן גוזר געווען אנדערע גזירות אויף כלל ישראל זיי האבן גוזר געווען מ'זאל נישט היטן שבת, חודש און מילה, לערנען תורה האבן זיי אבער נישט גוזר געווען, זיי האבן געלאזט לערנען תורה, איז פארוואס איבער אזוי זאגט מען ביים דאווענען אז זיי האבן געוואלט "להשכיחם תורתך"פארגעסן מאכן די תורה? ווי אזוי ווען זיי פארגעסן מאכן די תורה אויב מ'מעג לערנען תורה?

דער מדרש דערציילט אז ווען די יוונים האבן גוזר געווען די גזירות האבן זיי נישט מצליח געווען, ס'איז זיי נישט געגאנגען צו געווינען כלל ישראל, די יוונים האבן זיך געזעצט זוכן עצות וואס מ'טוהט? ווי אזוי קען מען צוברעכן כלל ישראל?

ס'איז געווען דארט א משומד - דערציילט דער מדרש - תתני בן פחת איז געווען זיין נאמען, און זיי האבן אים געפרעגט וואס איז די כח וואס כלל ישראל האט? ווי אזוי קענען זיי ביי שטיין די אלע גזירות?

האט ער זיי געענטפערט, כל זמן כלל ישראל וועט מקריב זיין דעם קרבן תמיד של שחר און דעם קרבן תמיד של בין הערביים, וועלן ענק זיי נישט קענען צוברעכן, האבן די יוונים ארויס גענומען א גזירה צו מבטל זיין די קרבנות תמיד פון אינדערפרי און ביי נאכט.

ס'איז דא נאך אזאך וואס האלט שטארק די יודען - האט זיי דער רשע געזאגט - כל זמן זיי וועלן אנצינדן די מנורה וועלען ענק זיי נישט קענען געווינען.

זענען די יוונים אריין אין בית המקדש און טמא געמאכט אלע שמנים, און ס'איז געבליבן נאר איין קריגל וואס איז געווען באהאלטען אונטער דעם מזבח וואס זיי האבן דאס נישט באמערקט, און פון דעם האט מען שפעטער אנגעצינדען אכט טעג.

וואס זענען די צוויי מצוות פון קרבן תמיד און די אנצינדן די מנורה אזוי שטארק? וואס ליגט אין די צוויי מצוות מער פון אנדערע מצוות? מיט וואס איז דער כח וואס די צוויי מצוות זענען מער פון אנדערע מצוות?

*

רבי שמואל איז געווען פון די זקני העיר וואס האבן געוואוינט אין שטאט צפת, ער איז געווען פון די פשוטע יודען אין שטאט, אבער אין אזא שטאט פון צפת זענען די פשוטע יודען אויך געווען זייער געהויבענע און חשוב'ע יודען.

רבי שמואל האט געהאט א מנהג צו דאווענען יעדען טאג ותיקין מיט'ן נץ אין די שוהל פון דער אר"י הקדוש, נאכן דאווענען האט ער זיך געזעצט מיט זיין חברותא לערנען מיט'ן טלית און תפילין דריי שעה, דאס איז געווען פאר אים א שטארקע קביעות פון לערנען און ער האט נישט געלאזט מ'זאל אים דאס צושטערן אפילו איין מאל אויך נישט.

פאר זיין פרנסה האט ער געפיהרט א געשעפט און די הויפט גאס פון צפת, די געשעפט האט נישט פארקויפט ספיציעלע זאכן, רבי שמואל האט פארקויפט אלעס וואס ער האט נאר געטראפן, אין דעם געשעפט האט מען געקענט טרעפן זאכן פאר די שטוב אין כלים צום ארבעט אין פעלד, שטריקען און

גליון זה נתנדב לרפואת האשה

אלטע ביילא בת בלומא

לרפואה שלמה בתוך שאר חולי ישראל



# דבר העורך

דער נס פון חנוכה איז געווען איינע פון די גרעסטע ניסים און די וויכטיגסטע ניסים וואס כלל ישראל האט געהאט אין די גאנצע היסטאריע, דער רמב"ן שרייבט אויף נס חנוכה אז ווען נישט דער אייבישטער האט געגעבן די נצחון פאר די חשמונאים "כבר נשתכח תורה מישראל" וואלט די תורה חלילה פארגעסן געווארן פון כלל ישראל, אבער בזכות די מסירות נפש פון די חשמונאים האבן זיי געהאט די סייעתא דשמיא און געראטעוועט כלל ישראל.

מיר דערמאנען די גרויסע נס וואס איז געווען ביי די מלחמה פון "רבים ביד מעטים" אסאך פון די יוונים זענען איבער געגעבן געווארן אין די הענט פון די מעטים, וואס איז דא די גרויסע נס? אפשר זענען זיי טאקע געווען מעטים אבער זיי האבן געהאט פארשידענע חכמות און דורך דעם האבן זיי געווינען?

נאר די גרויסקייט פון די זאך איז נישט נאר געווען אז זיי האבן געווינען, די גרויסקייט פון דער זאך איז געווען אז די מעטים האבן זיך גענומען די מוט און די שטארקייט און ארויס געגאנגען אין מלחמה אנקעגן די יוונים, זיי זענען נישט געזעצן און געווארט ס'זאל קומען א אדם גדול א שטארקער א חשובער און ארויס נעמען די עולם צו די מלחמה, זיי האבן געזעהן אז דאס דארף מען טוהן און זיי האבן זיך אויף געשטעלט און געטוהן, דאס איז די חשיבות פון די חשמונאים.

רבי צדוק הכהן שרייבט אין צדקת הצדיק: כשם שהאדם חייב להאמין בהקב"ה כך הוא חייב להאמין בעצמו" יעדער מענטש איז באשאפן געווארן כדי צו טוהן עפעס דא אויף די וועלט, און אויב דו ביסט דא, ביסטו מחוייב צו גלייבן אז די האסט באקומען די כוחות און די קענסט, נישט ווארטן אויף דעם און נישט אויף יענעם, גלייב אז דו קענסט און הייב אן צו טוהן.

וועגן דעם מוז די חנוכה ליכט זיין א קליינע ליכטעלע נישט א אבוקה – א גרויסע פלאם דיר צו לערנען אז אויך דער קליינער דו וואס דו שפירסט דיך א קליינע לעכטעלע קעגן די גרויסע פייער'ס קענסטו באלייכטן די וועלט, דארפסט נישט ווארטן ביז דו וועסט ווערן א אבוקה און דעמאלס אנהייבן צו טוהן עפעס פאר כבוד שמים, דארפסט נאר גלייבן אין דיר און אנהייבן צו טוהן וועגן דעם.

**א לעכטיגן חנוכה**

**און א גוטן שבת**

פעדעמעס, יעדע סחורה וואס רבי שמואל האט געטראפן האט ער געקויפט און פארקויפט, און דער אייבישטער האט אריין געברענגט א ברכה און ס'איז געווען אינדערהיים אלעס וואס מ'דארף.

אין די זימער טעג האט רבי שמואל געקענט זייער רוהיג לערנען זיין קביעות, די טאג איז ארויף זייער פריה און די דריי שעה האבן זיך געענדיגט זייער פרי, אבער ווינטער איז דער נץ זייער שפעט און די דריי שעה האבן זיך געענדיגט כמעט ביי חצות, אבער פונדעסוועגן האט רבי שמואל נישט מוותר געווען אויף זיינע הייליגע דריי שעה פון לערנען נאכן דאווענען.

א גוטן טאג רבי שמואל - קומט פלוצלינג אריין מענדל דער סוחר אין געשעפט.

שלום עליכם ר' מענדל - האט אים רבי שמואל אויף גענומען - וואס האט דיך געברענגט צו מיין געשעפטל.

פרעגסט גוט רבי שמואל - ענטפערט אים מענדל - איך האב א גוט געשעפט פאר אייך, איך האב ביי מיר פינף הונדערט ראלען פון גאלדענע פעדעמער, דאס זענען זייער טייערע פעדעמער איך וואלט עס נישט פארקויפט יעצט, אבער איך מוז מארגן אוועק פארן קיין איראפע און איך דארף געלט, איך בין עס מסכים צו פארקויפן פאר א פיפטל פרייז אויב דו וועסט מיר צאלן יעצט די גאנצע געלט.

רבי שמואל רעכנט אויס, די געשעפט זעהט טאקע אויס א גאלדענע געשעפט, ער וועט פון דעם קענען פארדינען זייער שיין, אבער דאס איז זייער אסאך געלט, ער וועט מוז'ן זיין גאנצע געלט געבן און נאך צובארגן אביסל פון אנדערע.

רבי שמואל האט מחליט געווען צו מאכן די געשעפט, ער האט אפ געקויפט אלע פעדעמער ער האט באצאלט מיט די גאנצע געלט וואס ער האט געהאט און זיך נאך צו געבארגט פון אפאר גוטע ידידים, און געהאפט אז די געשעפט וועט זיך לוינען בסייעתא דשמיא.

ס'איז אריבער אפאר טעג און רבי שמואל האט אנגעהויבן צו פארשטיין די גרויסע ברויך, די פעדעמער זענען טאקע גוטע סחורה און ער האט עס טאקע געקויפט פאר זייער ביליג, אבער אין די ארימע שטעטל צפת האט זיך קיינער נישט אינטערעסירט אין גאלדענע פעדעמער, די מענטשן זענען געווען באשעפטיגט צו זארגן פאר א שטיקל ברויט, און נישט צו זוכען פעדעמער.

וואכן זענען אריבער די פעדעמער ליגן אינמיטן וועג, קיינער אינטערעסירט זיך נישט אין דעם, די בעלי חובות זענען געקומען צוריק פארלאנגען זייערע געלטער רבי שמואל איז געבליבן אן קיין פרוטה אין טאש, די גאנצע געלט ליגט אין די סחורה, די גאנצע געשעפט איז אין א סכנה.

רבי שמואל פראבירט צו פארקויפן פאר האלב פרייז, פאר א פערטיל פרייז, אבער קיינער איז נישט געווען אינטערעסירט אין די סחורה.

דער מצב אינדערהיים איז געווען זייער שווער, און מ'האט אנגעהויבן צו שפירן אינדערהיים די ארעמקייט, ס'איז נישט געווען געלט צו קויפן עסן, און די חובות זענען נישט קלענער געווארן, און ס'זעהט אויס אז ס'איז נישטא א וועג ארויס פון די שווערע מצב.

ויהי היום, איין אינדערפרי קלאפט ביי רבי שמואל אין שטוב א לעבאנונער אראבער.

איך בין געווען אין געשעפט און ס'איז געווען פארמאכט - זאגט דער אראבער - וועגן דעם בין איך געקומען אהער.

וואס דארפסטו  - פרעגט אים די רעבעצן - פארוואס זוכסטו מיין מאן.

איך האב געהערט אז ענק האבן גאלדענע פעדעמער צו פארקויפן - האט ער געענטפערט - און איך דארף דרינגענד האבן זייער אסאך גאלדענע פעדעמער.

יא, ביסט אנגעקומען צו די ריכטיגע אדרעס - זאגט אים די רעביצען - אבער דו וועסט מוז'ן ווארטן דריי שעה כדי צו באקומען די סחורה.

דריי שעה? איך קען נישט ווארטן אזוי פיל - ענטפערט דער אראבער - אין צוויי שעה ארום פארט ארויס מיין גרופע צוריק קיין לבנון און מיר טרעפן זיך אין די נעקסטע דארף וואס איז א שעה אוועק פון דא, דאס הייסט אז איך מוז אין א שעה ארום ארויס פארן פון דא.

לויף שנעל אין שוהל - האט די רעבעצן געשיקט איהר טאכטער - דערצייל פאר טאטי די גאנצע מעשה, און בעהט אים ער זאל שנעל אהיים קומען.

טאטי האט געזאגט אז האלב עלף וועט ער ענדיגן לערנען, און דעמאלס וועט ער אהיים קומען - איז די טאכטער צוריק מיט א תשובה.

די רעביצען האט זיך נישט געוואונדערט פון די תשובה, זי האט געוואוסט ווער איז איהר מאן רבי שמואל, אבער פונדעסוועגן האט זי נישט געוואלט פארלירען די געלעגנהייט וואס קען זיי ראטעווען פון די שווערע מצב.

זי איז אליין אריבער געלאפן אין בית מדרש, צו געגאנגען צו איהר מאן און געזאגט:

מיין טייערער מאן, איך ווייס אז די האסט א קביעות צו זיצן און לערנען דריי שעה יעדן טאג, איך ווייס אז די קביעות איז ביי דיר קודש קדשים און די ביסט נישט מוותר אויף דעם, פון די אנדערע זייט ווייס'ן מיר ביידע אונזערע שווערע מצב, און אזוי ווי די האסט שוין געהערט קען דער אראבער נישט ווארטן ביז ווען דו ענדיגסט צו לערנען, וועגן דעם וויל איך מיט דיר מאכן א געשעפט.

היינט און נאר היינט וועסטו מבטל זיין דיין קביעות און דו וועסט קומען צו ענדיגן די געשעפט מיט דער אראבער, און וועגן דעם וועסטו טייער באצאלן, דריי חדשים וועט די געשעפט זיין געשלאסן און די וועסט זיצן די דריי חדשים אין ביהמ"ד א גאנצן טאג, יעצט וועסטו אוועק געבן די דריי שעה און שפעטער לערנען פארדעם דריי חדשים, דריי חדשים קעגן דריי שעה לוינט זיך נישט?

איך בין נישט מסכים צו די געשעפט -ענטפערט רבי שמואל נאך א מינוט אריין טראכטן.

איך בין דאס מקבל - זאגט די רעביצען - אבער איך וויל פארשטיין פארוואס?

דו קענסט דאס נישט פארשטיין אבער גלייב מיר אז איך ווייס וואס איך זאג - האט רבי שמואל געענטפערט.

די רעביצען האט זיך אויס געדרייט און ארויס פון בית מדרש.

מילא פאר דיין רעביצען האסטו נישט געוואלט מסביר זיין - האט אים זיין חברותא געפרעגט - אבער אפשר קענסטו מיר ערקלערן, פארוואס האסטו טאקע נישט מסכים געווען? אוועק געבן דריי שעה פאר דריי חדשים, לוינט זיך דאס נישט?

איך וועל דיר ערקלערן - האט אים רבי שמואל געענטפערט - מיינסטו דען אז דער יצר הרע איז צופרידן פון דעם וואס איך זיץ און לערן דריי שעה א טאג, מיינסטו דען אז ס'שטערט אים נישט אז די אלע סוחרים זענען שוין טיף אין געשעפט און איך בין אין בית מדרש? מיינסטו דען אז ער פראבירט נישט צו צוברעכן מיין לערנען, ער פראבירט זייער שטארק.

אלא מאי, ער ווייסט אז דאס איז א קביעות און איך ריק מיך נישט אוועק פון דעם, ער האט שוין פארשטאנען אז דאס איז א שטארקע וואנט וואס מ'קען עס נישט ריקן, און ער קען מיר נישט צוברעכן אין דעם.

ברגע דער יצר הרע וועט זעהן אז איך האב איין קליינע שפאלט אין מיין קביעות, ברגע ער וועט זעהן אז דאס איז נישט קיין שטארקע

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה:** די לעצטע וואכן האט מען דא ארום געשריבן ווי אזוי איך קען זיין מער צופרידן אין מיין טאג טעגליכע לעבן, ווי אזוי צו טרעפן די פארוואס אין יעדע וואס, ווי אזוי צו טרעפן די מטרה אין וואס איך מוז מאכן. אבער דאס איז גוט אין די נארמאלע טעגליכע לעבן, אבער וואס טוה איך ווען איך האב ריכטיגע און אמת'דיגע פראבלעמען און שטערונגען, ווי אזוי קען איך דעמאלס זיין צופרידן?

## תשובה חלק ב'

מיר זענען געקומען די לעצטע וואך צו די מסקנא אז יעדער זאך וואס געשעהט אין אונזער לעבן קען מען טייטשן אויף גוטס אדער אויף שלעכטס, און דאס וואס איך וועל שפירן כלפי די זאך וואס ס'איז מיר געשעהן.

דאס הייסט ס'איז נישט אזוי שטארק די זאך וואס ס'איז געשעהן, אזוי ווי די פשט וואס איך געב פאר די זאך וואס ס'איז געשעהן, און דאס מאכט אז איך זאל מיך שפירן גוט אדער שלעכט מיט דעם וואס ס'איז געשעהן.

למשל, צוויי מענטשן זענען געווארן אפ געזאגט פון זייערע ארבעט. איינער ווערט זיך דרייען מיט דעם נאז אראפ, אויף גערעגט אויף די גאנצע וועלט, נערוועז, ער ווערט אפשר זוכן ארבעט, אבער מיט א אנגעצויגנקייט, און פארשטייט זיך אז ער ווערט נישט טרעפן אויף אזא ווענ ארבעט, אדער ער ווערט טרעפן נאר אויף א קארצע צייט, ווייל קיינער וויל נישט האלטן א פארביטערטער מענטש ביי די ארבעט, און ער ווערט נאר ווערן מער און מער צובראכן, און יעצט האט ער שוין ראיות אז די גאנצע וועלט איז קעגן אים, פארשטייט זיך אז בדרך כלל איז דער אייבישטער אויך שולדיג אז ער מאכט נישט וואס איך האב אים געבעטן, און אזוי הארגעט דער מענטש אוועק זיין לעבן מיט אסאך ראיות אז ער איז גערעכט, וואס קומט ארויס צום סוף פון דעם מענטש? א גערעכטער נעבעך.

דער צווייטער, זאגט צו זיך מסתמא בין איך נישט פאר די סארט ארבעט, יעצט קען איך מיר אויסוועלן עפעס וואס איך וועל מער ליב האבן צו טוהן, איך בין נאך ווייטער א געלונגענער און א גוטער מענטש אויך ווען יענער בעל הבית האט נישט ליב מיין ארבעט, ער שפירט זיך ווייטער דער גוטער און פיינער מענטש, ער איז רוהיג אין זיך ער גייט זיך פארשטעלן צו א ארבעט מיט א געשמאק און מיט א לעבעדיגקייט, ער ווערט זייער שנעל טרעפן א צווייטע פרנסה, אויך ווען מ'וועט אים נישט אננעמען ווערט ער זאגן צו זיך אז מסתמא ווארט פאר מיר עפעס וואס פאסט מיר מעהר, דער מענטש לעבט ווייטער מיט א ישוב הדעת און אויך אויב ס'איז יעצט א ביסל ווייניגער באקוועם פון וואס ס'איז געווען, איז ער נאך א נארמאלער מענטש און גייט עס גוט אריבער.

ווער פון זיי איז ריאליסטיש און ווער איז דער בעל דמיון? ווער איז דא גערעכט מיט זיינע מחשבות?

דער אמת איז אז ביידע איז נישט די מציאות. די מציאות איז נאר איינס אז דער מענטש איז געווארן אפ געזאגט פון זיין ארבעט! אלעס חוץ פון דעם איז די פשט וואס דו האסט ארויף געלייגט אויף די מציאות וואס אלעס איז נאר דמיונות.

מסקנה: נישט די מציאות, נאר די טייטש אויף די מציאות, דאס מאכט דעם מענטש צופרידן אדער נישט צופרידען.

טבע האדם איז צו זעהן בדרך כלל די שלעכטס, "לפתח חטאת רובץ" די ערשטע מחשבה וואס קומט ווען א מענטש ארבעט נישט אויף זיך איז "חטאת" די שלעכטע מחשבה. מיט א ריכטיגע עבודה קען א מענטש אויס לערנען זיין מח צו טראכטן גוט, וממילא וועט אים זיין גוט.

ווי אזוי טוהט מען דאס למעשה?

די ערשטע זאך: הודאה – זיי מכיר און געב א דאנק אויף וואס דו האסט יא.

ווען יעקב אבינו איז געשטאנען פאר די גרויסע סכנה פון עשיו האט ער זיך צו געגרייט צו דריי זאכן דורון, תפילה און מלחמה, וואס האט ער געטוהן די ערשטע זאך? וועלכע כלי האט ער ערשט גענוצט? די ערשטע זאך האט ער גענוצט די תפילה, ווי אזוי האט ער אנגעהויבן זיין תפילה? "קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשא עשית את עבדך כי במקלי עברתי את הירדן הזה ואתה הייתי לשתי מחנות" רבש"ע איך האב נישט ווערטער צו באדאנקען אלע גוטע זאכן וואס איז מיט מיר געשעהן איך בין ארויס פאר צוואנציג יאהר אן גארנישט און יעצט האב איך אזוי פיל גוטס, נאך די הודאה האט יעקב אנגעהויבן צו בעטן.

באמערק וואס דו האסט יא, קוק דיך ארום און זעה וועלכע גוטע זאכן נעמען דיר ארום, ריכטיג איך האב א פראבלעם, ריכטיג איך האב דא א שווערע זאך וואס ס'שטערט מיר זייער שטארק און איך וויל שוין פטור ווערן פון אים אבער ס'איז נישט אלעס, איך האב נאך אפאר זאכן און זיי זענען זייער גוט.

מיר הייבן אן דעם טאג מיט "מודה אני", דאס איז א פעולה וואס מיר מאכן זיך אויסצולערנען צו דאנקען אויף וואס מ'האט, מיר זאגן אלע ברכות אינדערפרי און מ'דאנקט אויף יעדע קליינע זאך וואס אונז האבן, כדי אריין לייגן דעם מענטש אין קאפ, טראכט וואס דו האסט, און דאנק אויף וואס דו האסט, פאר ווען דו בעהטסט אויף וואס דו האסט נישט.

ווען א מענטש זעצט זיך אוועק און טראכט אריין אין די ברכות וואס מען זאגט יעדן טאג, איך האב אויף געמאכט מיינע אויגן ברוך ה' ייש"כ, איך קען זעהן ברוך ה', איך האב קליידער ברוך ה', איך קען זיך אנטוהן ברוך ה', איך קען אויף שטיין און אראפ גיין פון בעט, און אזוי ווייטער, דער מענטש שטעלט איין זיין מחשבה צו קוקן אויף וואס מ'האט.

ס'איז דא אין יעדע קאמערע א זום, דער זום איז געמאכט צו דערנענטערן און דערוואטערן די בילד. ווען א מענטש לייגט די זום צו שטארק אויף זיין שוועריגקייט, וועט ער זעהן נאר די שווערע זאך וואס ער האט, און ער וועט נישט זעהן מער גארנישט ארום זיך, וואס דארף דער מענטש טוהן? דערוואטערן די זום פון זיין פראבלעם און וואס מער ער וועט דאס דערוואטערן וועט ער מער און מער זעהן אז ער איז ארום גענומען מיט אזוי פיל גוטסקייט, און ער האט אויך א געוויסע פראבלעם אבער דאס איז נישט אלעס.

ווען דער מענטש קוקט עס אן אויף דעם אופן איז די ערשטע זאך וואס דער מענטש פארדינט איז די רוהיגקייט, ס'איז געשעהן א שוועריגקייט ס'איז דא א פראבלעם, אבער די וועלט וועט נישט אונטערגיין מ'וועט עס איבער לעבן.

איז וואס טוהט מען למעשה?

זעץ דיך אראפ מיט א רוהיגקייט פינף מינוט, נעם א בלאט מיט א פעדער און שרייב דיר אויף פינף זאכן וואס דו דארפסט אויף דעם דאנקען, פינף זאכן וואס זענען פאר דיר גוט, א מענטש האט אסאך מעהר פון פינף זאכן אבער וויבאלד מיר זענען געוואוינט צו קוקן אויף די שלעכטע זייט, גייט עס אין אנהייב זייער שווער.

אויב דו וועסט מאכן די עבודה יעדן טאג, טאג נאך טאג זיצן און אריין קלערן וועלכע גוטע זאכן האב איך אין מיין לעבן, וועלכע זאכן האב איך וואס איך דארף זאגן יישר כח אז איך האב עס.

וואס וועל איך פארדינען פון דעם? אפאר זאכן:

אין יעדע זאך וואס ס'געשעט אויף די וועלט איז דא א גוטע זייט און א שלעכטע זייט, כל זמן דער מענטש איז צו געוואוינט צו קוקן אויף די שלעכטע זייט זעהט ער טאקע אז סאיז געשעהן עפעס שלעכט, אבער ווען דו וועסט דיך צו געוואוינען צו זעהן די אנדערע זייט וועסטו פלוצלינג זעהן אז די זעלבע זאך וואס ס'איז געשעהן איז גאר נישט אזוי שלעכט ווי די האסט אמאל געמיינט ס'האט אין דעם אויך גוט'ס.

די מחשבה וועט זיך אויסלערנען צו קוקן אויך אויף דער זייט פון די גוטע זאכן, און מיט די צייט וועסטו ווערן וויינעגער אום צופרידען פון וואס דו האסט נישט, און מער צופרידן פון וואס דו האסט יא.

ס'איז נישט אז די פראבלעמען וועלן נישט מער זיין, כל זמן מיר זענען דא אויף די וועלט וועלן מיר האבן פארשידענע זאכן מיט וואס מיר דארפן זיך פארמעסטן, אבער מ'וועט נישט ווערן איבערגענומען דורך אונזערע שוועריגקייטן, מ'וועט עס קענען אנקוקן אויף א ריכטיגע בליק, וממילא וועט דאס אויך קענען באהאנדלען מיט מער רוהיגקייט און מיט מער יישוב הדעת.

מסקנת הדברים: ווען א מענטש האט א שוועריגקייט האט ער פאר זיך צוויי וועגן.

1. זיך פארטיפן אין זיין פראבלעם, ממילא וועט ער זיין זייער צובראכן אין זיך, ממילא וועט ער זיך שפירן צוקלאפט, ממילא וועט ער נישט האבן א יישוב הדעת, ממילא וועט ער זיך נאר אריין גראבן טיפער אין זיינע שוועריגקייטן, ממילא וועט ער נישט טרעפן א וועג ארויס צו קריכן, ממילא וועט ער האבן א ראיה אז ער איז גערעכט און אלעס איז שלעכט, וממילא וועט עס טאקע אזוי זיין.

2. נעמען א ברייטערע בליק אויף די לעבן, טרעפן וועלכע גוטע זאכן ער האט, ממילא וועט ער נישט זיין אזוי איבערגענומען פון זיינע שוועריגקייטן, ממילא וועט ער האבן די ריכטיגע יישוב הדעת וויאזוי צו קאופען מיט די שוועריגקייטן, ממילא וועט ער ארויס קריכן פון די פראבלעם, ממילא וועט ער זיך שפירן גוט מיט זיך און מיט די גאנצע וועלט, ממילא וועט ער האבן א ראיה אז די וועלט איז נישט אזוי שלעכט, וממילא וועט עס טאקע אזוי זיין.

"ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב את המות ואת הרע ובחרת בחיים למען תחיה"

הצלחה רבה!

## המשך מעמוד ב'

וואנט און מ'קען דא אריין שטיפן א פיס, וועט ער קומען מיט נאך אפאר געשעפטן, שטארקע און גוטע געשעפטן אזעלכע וואס איך וועל נישט קענען ביי שטיין, ער איז דאך אסאך שטערקער און קלוגער פון אונז, אלא מאי די איינציגסטע וועג צו ביי שטיין זיינע נסיונות איז צו שטעלן א קביעות, מיט א שטארקייט און זיך נישט צוברעכן פון אים, נאר אזוי וועל איך קענען בלייבן א ערליכער יוד.

ברגע איך וועל צוברעכן מיין קביעות, ברגע ס'איז נישט מיט א תמידיות, בין איך ביי אים אין די הענט.

און רבי שמואל האט זיך ווייטער געזעצט לערנען.

אה, און וואס איז געשעהן צום סוף?

נאך מיטאג איז דער אראבער צוריק געקומען, זיין גרופע האט זיך אפ געשטיפט מיט איין טאג, און ער איז צוריק געקומען און אפ געקויפט אלע פעדעמער וואס רבי שמואל האט געהאט און באצאלט די גאנצע פרייז בעין יפה, אזוי אז רבי שמואל האט אויך געמאכט די געשעפט און אויך ביי געשטאנען דעם נסיון און געהאלטן זיין קביעות.

*

די גמרא אין שבת רעדט ארום אפאר בלעטער אויף עניני חנוכה, אינמיטן איז דא איין שטיקל וואס האט גארנישט צו טוהן מיט חנוכה אבער ער שטייט דארט צווישן אזוי ווי איין עניין.

די גמרא פרעגט וואס איז דער פשט פון פסוק וואס ס'שטייט ביי מכירת יוסף "והבור ריק אין בו מים" אויב ס'שטייט אז ער איז ליידיג איז דאך קלאר אז ס'איז נישטא אין דעם וואסער צו וואס דארף מען שרייבן "אין בו מים"? ענטפערט די גמרא די פסוק וויל אונז זאגן אז וואסער איז נישט געווען דארט אבער שלענג איז יא געווען דארט.

פרעגט זיך אויף דעם די קשיה ווער זאגט אז ס'איז געווען דארט שלענג? אפשר איז געווען דארט מיסט, אדער שמוץ ווער זאגט אז דווקא שלענג?

נאר די גמרא האט פארשטאנען אז אויב ס'איז דא דארט אזאך וואס געפינט זיך דארט די גאנצע זייט איז דער גרוב שוין נישט ליידיג, ווייל ס'ליגט דארט עפעס.

אלא מאי, ס'מוז זיין אז ס'ליגט דארט אזא סארט זאך וואס אפילו ער איז דארט הייסט דער גרוב ליידיג, וועלכע זאך קען דאס זיין? נאר "נחשים ועקרבים" ווייל זיי גייען אריין און ארויס, זיי לויפן ארום די גאנצע צייט, וממילא אויב זיי זענען נישט דארט בקביעות הייסט עס נישט אז זיי פילן אן די גרוב, ווייל אזאך וואס איז נישט בקביעות איז גאר נישט.

די יוונים האבן געזוכט דעם סוד וואס האלט אן כלל ישראל אזוי שטארק, ווי אזוי ווערן זיי נישט צובראכן פון אלע גזירות.

האט זיי דער משומד געזאגט דער סוד ליגט אין "קביעות עיתים", זייער גאנצע שטארקייט ליגט אין דעם "תמיד", די יודען האבן א סדר פון עבודה, א סדר פון תורה וואס מ'האלט עס אן יעדען טאג טעגליך תמידים כסדרם, יעדער יוד האט זיין סדר א תפילה און סדר לימוד "תמיד" אלע מאל אן צו צוברעכן זיינע סדרים.

דער משומד זאגט פאר די יוונים כל זמן כלל ישראל וועט מקריב זיין דעם קרבן "תמיד" און כל זמן זיי וועלן אנצינדן דעם נר "תמיד" וועלן ענק נישט קענען צוברעכן כלל ישראל.

איהר קענט זיי לאזן מאכן קרבנות, זיי קענען אויך אנצינדען די מנורה אבער איין זאך דארפט איהר מקפיד זיין ס'זאל נישט זיין "תמיד", אמאל יא און אמאל נישט, אזוי וועט שוין אלעס ווערן פארלוירען פון זיך אליין.

די יוונים האבן נישט גוזר געווען מ'זאל נישט לערנען תורה, ס'האט זיי נישט אזוי געשטערט אז מ'לערנט תורה, זאלן די יודען לערנען זאלן זיי גיין אין שוהל, אבער נישט "תמיד", נישט מאכן א קביעות עיתים אזוי וועט שוין אליין ווערן דער "להשכיחם תורתך" אזוי וועלן די מענטשן אן צו שפירן פון זיך אליין פארלירן זייער תורה.


הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו



07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD. N16 6DW

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## ברכת המזון - ברכת הזן (א)

### 'הזן את העולם' - בכבודו ובעצמו

די ערשטע ברכה פון ברכת המזון איז די ברכה 'הזן', ווען די מן איז געקומען, האט משה רבינו מתקן געווען אז די אידן זאלן זאגן די ברכה (ברכות מח ב).

עס איז קלאר און זיכער אז אויך בעפאר די מן איז געקומען האבן די אידן געגעסן די מצות וואס זיי האבן געבאקן אין מצרים, דאך האט משה נישט מתקן געווען די ברכה 'הזן' ביז ווען די מן איז געקומען, ווייל די מן וואס איז געקומען גרייט צום עסן אן זיך דארפן פלאגן און גרייטן האט פאר אלעמען צו וויסן געטוהן די השגחה פון ה' יתברך, אזוי ווי עס איז דער לשון אין די ברכה: "הוא נותן לחם לכל בשר" - אז דער אויבישטער כביכול בכבודו ובעצמו גיט מיט זיינע הענט די עסן פאר זיינע באשעפענישן, כאטש אז צוליב אונזערע עבירות זעהט עס אויס אז עס ליגט אין די הענט פון די טבע ('כלי חמדה' עקב סי' ב אות א).

און אזוי שרייבן טאקע די ראשונים, אז אין די ברכה 'הזן' לויבן מיר און דאנקען דעם באשעפער אויף דעם וואס יעדן טאג גיט ער אליין בכבודו ובעצמו פון זיין ברייטע האנט עסן פאר אלע באשעפענישן, בחן בחסד וברחמים, אן עס זאל עפעס פעלן. און באמת דער שבח איז געבויעט אויף א אפענע גמרא (ע"ז ג ב) אז אין די דריטע טייל פון די פיר טיילן פון די טאג זיצט דער אויבישטער בכבודו ובעצמו און ער גיט עסן פאר די גאנצע וועלט און אלע זיינע באשעפענישן, 'מקרני ראמים עד ביצי כינים' ('שבלי הלקט', סדר ברכות קנז).

דער מבי"ט שרייבט ('בית אלוקים' שער היסודות סא) אין נאמען פון די מקובלים, אז דער נוסח 'ברכת הזן' וואס משה האט מתקן געווען איז אנדערשט געווען פון דער נוסח וואס מיר האבן יעצט, ווייל ער האט געוואוסט דער סוד פון די שם הוי"ה איז די ברכה געווען נאר 26 ווערטער, און אזוי איז געווען דער נוסח: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם, הא-ל הזן את העולם כולו בטובו בחסד, נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו, ברוך אתה ה' הזן את הכל".

### הזן את העולם כולו

אסאך וועלן זיך וואונדערן אויף די אויבנדערמאנטע ווערטער, ווייל מיר זעהן דאך אז עס זענען דא אסאך מענטשן וואס פלאגן זיך זייער צו האבן עסן, און אסאך פון זיי הונגערן אויף ברויט, וואו איז דער שפע וואס ווערט באשטימט פאר זיי יעדן טאג עקסטער?

א ענטפער אויף דעם שרייבט דער 'שפת אמת' (בהר תרמ"א) מיטן ערקלערן דעם דאפלטן לשון: 'את העולם-כולו', עס איז ריכטיג אז דער אויבישטער שיקט אראפ יעדן טאג אויף דער וועלט א שפע פון עסן וואס עס איז גענוג פאר אלע מענטשן, אבער די השגחה העליונה האט אזוי גוזר געווען, אז די שפייז פון א טייל מענטשן באקומען זייערע חברים, כדי אז זיי זאלן זיי שטיצן פון זייער חלק. און דאס איז די כוונה אין דעם לשון 'כולו', אז די עסן קומט טאקע אראפ פאר אלע מענטשן, אבער עס מוז נישט זיין אז יעדער איינציגער באקומט עקסטער זיין טייל, און כדי אז אלע זאלן זוכה זיין הנאה האבן פון די שפע דארפן די מענטשן זיין באחדות, ווייל נאר אזוי וועלן מענטשן טראכטן וואס עס פעלט אויס פאר די אנדערע און זיי וועלן זיי שטיצן, און ווען עס איז דא אחדות - קומט ארויס די ברכה מן הכח אל הפועל.

### 'חן', 'חסד' און 'רחמים'

די ווערטער 'חן' 'חסד' און 'רחמים' ווערן דערמאנט צוזאמען ביי עטליכע תפילות [ביי די ברכה פון 'המעביר שינה'; 'שים שלום'; 'יעלה ויבא' און נאך]. ביי די ברכה האבן די ווערטער א עקסטערע באדייט, עס קען נישט זיין אז א מלך בשר ודם וואס אלע זיינע בירגער זענען אין אים אינגאנצן אנגעהאנגען זאל זיך נישט גרויס האלטן העכער זיי, און ווען ער וועט זיי געבן זייערע עסן, וועט ער זיך אויפפירן ווי איינער וואס גיט נאר אויף צו יוצא זיין. אבער דער אויבישטער וואס די שפייז פון די גאנצע וועלט איז אין זיינע הענט, דאך שפייזט ער די גאנצע וועלט "בחן בחסד וברחמים" - מיט א עין טובה און מיט א פריינדליך פנים ('אוצר התפילות' - 'עץ יוסף').

די עצם טייטש פון די דריי לשונות ערקלערט דער 'ערוך השולחן' (קפז ד) אז מיר זענען אין דעם מרמז אויף דריי סארט מענטשן וואס האבן א הנאה פון השי"ת'ס השפעה; 'בחן' - די עשירים וואס זענען זוכה צו א עקסטערע נשיאות חן אז זיי האבן די מעגליכקייט צו קויפן אויך 'מותרות'. 'בחסד' - רוב מענטשן וואס אלעס וואס עס פעלט אויס אויף זייער עקזיסטענץ האבן זיי. 'וברחמים' - די ארימעלייט, וואס פלאגן זיך אויף פרנסה און דארפן צוקומען צו גרויס רחמים כדי זיי זאלן קענען עקזיסטירן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## על הנער הזה התפללתי

די ערציילונג וואס מיר האבן דא האט דערציילט הגה"צ רבי גמליאל הכהן ראבינאוויטץ שליט"א, וואס האט עס געהערט פון דער בעל המעשה דער באקאנטער מחנך רבי אלימלך חעשין, פון די אלטע מלמדי-דרדקי' אין ירושלים, וואס האט געדינט אלץ מלמד אין די תלמוד תורה 'עץ חיים' אין לויף פון העכער פון זעכציג יאר.

איין יאר איז ארויף צו זיין כיתה א קינד פון א שווערע פאמיליע, וואס ליידער צו זיין גרויסער ווייטאג האט ער נישט מצליח געווען אין לערנען, און איז געווארן א ווילדער יונגל וואס זיין אויפפירונג איז אינגאנצן נישט געווען פאסיג צו די לאנג יעריגער נאטורליכע אויפפירונג פון די קינדער אין די 'תלמוד תורה'. אין די צייט וואס דער מלמד האט פארגעלערנט איז פון זיין זייט געווען אסאך שטערונגען, און מ'קען זאגן אז אלע קינדער פון די כיתה האבן געליטן וועגן אים.

די מלמדים האבן פראבירט אויף אלע ערליי וועגן און האבן אלעס געטוהן ער זאל פארבעסערן זיין אויפפירונג, אבער זיי האבן נישט געזעהן אז עס זאל עפעס אויפטוהן. די אויפפירונג פונעם קינד האט זיך פארערגערט פון טאג צו טאג. אים אוועק שיקן פון תלמוד תורה - איז נישט געקומען אין באטראכט, סיי ווייל דאס וואלט צוגעברענגט א געוואלדיגע ווייטאג פאר די צובראכענע פאמיליע, און סיי ווייל דאס וואלט צוגעברענגט ער זאל מער און מער פאלן חלילה.

ווען דער פאטער איז גערופן געווארן צו א אפענע שמועס מיטן מלמד, האט ער ערשיינט אין די באשטימטע צייט, אבער זייער שנעל האט דער קלוגער מלמד זיך איבערגעצייגט אז פון דא וועט נישט קומען די ישועה. דער פאטער האט זיך נישט געוואלט ארויסדרייען פון די אחריות, ער זייער גוט געוואוסט פון די שוועריקייטן און די פראבלעמען וואס זיין 'תכשיט'ל' טוהט אן 'תלמוד תורה', אבער ער האט גע'טענה'עט מיט א שטארקהייט אז ער האט נישט די מעגליכקייט טוהן עפעס וועגן דעם. ער האט שוין אלעס פראבירט, אבער ער האט זיך איבערגעצייגט אז ער קען גארנישט העלפן. אויך אין שטוב ליידט ער פון אים און ער זעהט נישט קיין שום וועג וויאזוי אים מחנך זיין.

"איך האב נישט קיין אנונג וויאזוי מ'קען אים שטעלן אויף די פוס" - האט דער פאטער אויסגעפירט, ווען מיט די ווערטער נעמט ער אראפ די אחריות פון זיך און ער גיט עס צוריק פאר די הנהלת התלמוד תורה.

דער מלמד האט פראבירט העלפן: "אפשר זאלסטו דינגען פאר אים א פריוואטער מלמד, איינער וואס קען דיר העלפן אים מחנך זיין און אים העלפן אין די לימודים; די ניסיון האט אויפגעוויזן אז אזא מחנך אויסער זיינע מעגליכקייטן אים צו הייבן אין זיינע לימודים, קען ער זייער נאנט ווערן מיט אים, און מיט ליבשאפט קען ער אים צוברענגען צו א כלליות'דיגע הצלחה, און צוברענגען צו א ערנסטע פארבעסערונג אין זיין אויפפירונג און אין זיינע מידות".

אבער אויך צו די פארשלאג האט דער פאטער זיך אנטזאגט: "עס טוהט מיר וויי, אבער איך האב נישט קיין פינאנציעלע מעגליכקייט זיך לאזן קאסטן אזא פרייז פאר א מלמד. קוים האב איך עפעס פרנסה פון מיין שווערע ארבעט אלץ א רוימער פון שוהלן און טרעפן-צימער'ן, בשום פנים ואופן קען איך נישט נעמען אויף מיר צו באצאלן נאך א געהאלט פאר אזא מלמד...

איך האב שוין געזאגט פארן מלמד: 'איך האב נישט וואס צו טוהן, באמת קען איך גארנישט טוהן!" - האט דער פאטער געענדיגט מיט א אראפגעלאזטן פנים און געוואלט ארויס גיין פונעם צימער.

דער מלמד האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן פון גרויס ווייטאג, עס איז אים שווער געווען צוקוקן די יאוש וואס דער פאטער האט געטראגן ביי זיך אין הארץ, כאילו דער קינד האט חלילה נישט קיין שאנסן...

איין סקונדע בעפאר דער פאטער איז ארויס פונעם צימער האט דער מלמד זיך פלוצלינג אויפגעכאפט און זיך אנגערופן פארן פאטער:

"טייערער פאטער, דו מיינסט אז דו האסט שוין אלעס פראבירט, און דו האסט אינגאנצן נישט קיין מעגליכקייט צו העלפן דיין זוהן, אבער איך טראכט אז דו האסט א ביטערן טעות! דיין זון געפונט זיך יעצט אין נישט א גוטן צושטאנד, ער ציהט אויף נישט גוטע זאכן, איידל געזאגט, אבער דו קענסט אים נאך העלפן; דו קענסט דאווענען אויף אים, פארגיסן טרערן ווי וואסער. האסט דאך א גרויסער פאטער אין הימל וואס ווארט אויף דיינע תפילות און דיינע טרערן, בעהט זיך ביי אים, גיס אויס דיין הארץ פאר אים, ער וועט זיך זיכער נישט פארהוילן פון דיינע בקשות...!"

בעפאר די טיר האט זיך פארמאכט, האט דער מלמד נאך אנגעיאגט באמערקן די טרערן וואס זענען געריגען פון די אויגן פונעם פאטער. א נייע האפענונג האט זיך אנגעצינדן אין זיין הארץ, און ער האט זיך נישט פארזוימט עס אויסנוצן.

פון יענעם טאג און ווייטער האבן די אנגעווייטאגטע עלטערן נישט אויפגעהערט פון צו דאווענען און וויינען אויף די הצלחה פון זייער קינד. אויב דאס איז נישט גענונג געווען, האבן זיי אויך ערוועקט זייערע קרובים זיי זאלן דאווענען אויף דעם. דער פאטער איז אויך געגאנגען צו די גדולי תורה און די תלמידי חכמים וואס ער האט געהאט פארבינדונגען מיט זיי, און זיך געבעהטן אז זיי זאלן מקדיש זיין געציילטע מינוטן פון זייער צייט אויף די הצלחה פון זיין זון, און זיי האבן אים נישט געקענט אפזאגן.

עטליכע פון זיי, האבנדיג רחמנות אויפן קינד, האבן אויך באשלאסן לערנען אביסל מיטן קינד, דער א פערטל שעה, און דער צווייטער צוואנציג מינוט א.א.וו..

צוביסלעך איז געווארן א שטאקער קשר צווישן דער קינד מיט די תלמידי חכמים, זיי האבן גענומען צו זייער הארץ זיין צושטאנד, און האבן אים געשטאקט און געמוטיגט. נאך נישט א לאנגע תקופה פון ווען די עלטערן און זייערע באקאנטע האבן אנגעהויבן דאווענען אויפן קינד, איז געשעהן א נס; צו די וואונדער פון זיינע עלטערן און זיינע מחנכים האט זיך איבערגעדרייט די הארץ פונעם קינד פון איין זייט צו די אנדערע זייט, און איז געווארן פון די אויסגעצייכנטע קינדער פון די תלמוד תורה.

היינט צו טאג איז זיין פלאץ אין די מזרח וואנט פון די עולם הישיבות, אלץ איינער פון די גרויסע מרביצי תורה, צו די פרייד פון זיינע עלטערן וואס טוהן פארזעצן מיט זייערע תפילות אויף זיין הצלחה.

"עס איז מיר נישט קיין ספק, אז דער גרויסער טויש האט אנגעהויבן ווערן אין דעם קינד נאר פון די מינוט וואס זיינע עלטערן האבן אנגעהויבן דאווענען זייערע ווארימע תפילות" - זאגט הרב חעשין, אסאך יארן נאך די געשעהניש. "פון הימל האט מען אריין געלייגט די פאסיגע ווערטער אין מויל, אין די ריכטיגע מינוט, און פון ווען די עלטערן האבן אנגעהויבן טוהן צו די זאך, האט מען פון הימל געהאלפן און צוגעפירט דעם קינד אויפן ריכטיגן וועג".

"טייערע עלטערן" - פירט אויס הרב ראבינאוויטץ מיט א רוף פון טיפן הארץ: "קיינמאל זאלן ענק נישט זאגן אז ענק האבן נישט קיין מעגליכקייט העלפן ענקערע קינדער; דאווענען קענען ענק דאך שטענדיג, עס איז נישט קיין ספק אז אויב ענק וועל אזוי טוהן, וועט מען פון הימל ענק צופירן צו די פאסיגע מענטשן וואס וועלן קענען טוהן די ריכטיגע השתדלות פאר אים".

'טיב הקהילה' יתרו תשע"ב

עיצובים shay

מקץ-חנוכה - גליון ע"ה

קרן תוספות יום טוב

שתיקה יפה בשעת התפלה

# נִקְדִישָׁךְ

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה**
פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

## דער טאַטע האַלט אַ דרשה אין ביהמ"ד; אין שפּיטאָל דערוועקט זיך דער בחור'ל!

ס'איז געווען א איד בארא פארק, וואס זיין זון, א יונגער בחור, האט ל"ע געהאַט אַ שווערן עקסידענט, פון וועלכן ער איז אזוי געשעדיגט געוואָרן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין א קאומא און נישט אויפגעוועקט. די משפּחה איז געווען צעטרייסלט און באזארגט, ציטערנדיג פאר דאס לעבן פון זייער באליבט קינד.

שבת אינדערפרי, בעפאָר'ן ליינען, האָט דער טאטע זיך אויפגעשטעלט אויפ'ן באלעמער, און געגעבן אַ קלאפּ אויף דער בימה. ער האָט פון האַרצן טיפן זיך גענומען זאגן די פאלגענדע ווערטער:

"מורי ורבותי, יעדער דא אין ביהמ"ד ווייסט וואס איך מאך מיט, יעדער שפּירט מיט, יעדער איז באזארגט, און יעדער וויל העלפן. מ'קומט מיר כסדר פרעגן מיט וואס מ'קען העלפן אין דעם מצב. אָבער, די עכטע הילף יעצט וואס איך דארף איז פונעם רבוש"ע, דער כל יכול, ער זאל צוריק געזונט מאכן מיין טייער קינד. מיר דארפן גרויסע זכותים!

"על כן וויל איך בעטן, יעדן איינעם פון אונזערע מתפּללים דא אין ביהמ"ד, אז מ'זאל מקבל זיין אויף זיך די קבלה טובה, כאָטש איין חודש צייט נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, און מ'זאל אינזינען האבן אז דאס זאל זיין לרפואתו השלימה והמהירה פון מיין טייער קינד!"

זעלבסט פארשטענדליך, אז אזא הארציגע בקשה פון א טאטן וואס איז מצפּה לישועה פאר זיין טייער קינד, האט אריינגעדרונגען אין די הערצער און גאר ווארעם אויפגענומען געווארן ביי אלע מתפּללים. דער עולם האט זיך אונטערגענומען און ווארעם געוואונטשן דעם טאַטן אז בזכות זה זאל מען זוכה זיין בקרוב צו זען די ישועה.

תיכף נאָכ'ן דאווענען, גראָד פון ביהמ"ד, איז דער טאטע אריבער צום מאימאנידעס שפּיטאל, וואו זיין זון איז געווען, און דעם לעצטן מאָל אים געזען נאָר אין זיין פארשלאַפטן מצב.

אָנקומענדיג צום שפּיטאָל, וואונדער איבער וואונדער, איז דער זון שוין געווען אויף! ער האט זיך צוביסלעך אָנגעהויבן אויפכאפּן און רעאַגירן ב"ה, און די דאקטוירים האבן געזאגט אז פון דא און ווייטער איז שוין ב"ה אַ לייכטער וועג צוריק צו ווערן געזונט און שטאַרק!

ווען מ'האט זיך בארואיגט פון דער איבערראַשונג, און אנגעהויבן אויסרעכענען די צייט, האָט זיך ארויסגעשטעלט דאס וואונדערליכע: גענוי אין דער זעלבער צייט וואס דער טאטע איז געשטאנען אין ביהמ"ד און געהאַלטן די דרשה מעורר צו זיין איבער נישט רעדן ביים דאווענען, אט גענוי אין יענע מאָמענטן, האָט זיין קינד אין שפּיטאָל זיך דערוועקט!

ברוך ה', הודו לה', געראטעוועט געוואָרן אין זכות פון דער הייליגער קבלה!

## צו די 9 חדשים נאָכ'ן טוישן ביהמ"ד: אַ פרייליכער ברית למזל טוב!

א מורא'דיגע מעשה דערציילט פאַר'ן מערכת דער רב דביהמ"ד קדושת צבי אין וויליאַמסבורג, ה"ה הרב ר' חיים נחום לייפער שליט"א, אַן עובדא נפלאה בנוגע דעם ענין פון קדושת ביהמ"ד וואס ער האט אליין מיטגעהאלטן.

א יונגערמאַן דאָ אין וויליאַמסבורג וועלכער האָט געוואַרט עטליכע יאָר צו האָבן קינדער, און ליידער זיך שטארק אַרומגעמוטשעט, האט דעם פאַרגאַנגענעם חודש אָפּגעראָכטן אַ ברית בסימן טוב ובמזל טוב.

האט דער בעל שמחה דערציילט דערציילט וויאַזוי זיין ישועה איז צוגעגאַנגען ווי פאָלגענד.

ער פלעגט דאַווענען אין א ביהמ"ד וואו מ'האָט ליידער נישט מקפּיד געווען אויף קדושת בית המדרש. ווארטנדיג אויף אַ ישועה האט ער זיך אונטערגענומען ביי זיך נישט מיטגעשלעפּט צו ווערן און יא היטן נישט צו רעדן ביים דאווענען. אָבער ער איז נאָכאַלץ נישט געהאָלפן געוואָרן.

מיט 9 חדשים צוריק האָט ער קובע מקום געווען אין דעם ביהמ"ד קדושת צבי, וואו מ'איז שטאַרק מקפּיד נישט צו רעדן ביים דאַווענען און בשעת קריאת התורה, וועלנדיג דאַווענען אין אַ מקום וואו ס'דא אַ כח הרבים אויף דעם הייליגן ענין, וואָס האָט געוויס אַ פיל גרעסערן כח.

## הלכה למעשה:

געענטפערט דורך הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ומו"ל גליוני הליכות החיים

**שאלה: איך בין א בחור וואס איז שטארק נתעורר געווארן אינעם ענין פון קדושת בית המדרש, אבער עס איז דא אן עלטערער איד וואס שטייט נעבן מיר, און נאכדעם וואס מען האט שוין אנגעהויבן דאווענען קומט ער צו און זאגט מיר שיינע רעיונות בעניני השקפה אדער אויף פרשת השבוע. איך האב פרובירט אים מעורר זיין בדרך כבוד און געלייגט ביי זיין פלאץ א בלעטל פון "נקדישך", אבער זעט אויס אז ער האט עס נישט געזען אדער נישט אויפגעכאפט אויף למעשה וואס עס שטייט דארט וועגן נישט רעדן ביים דאווענען. צי מעג איך אים בעטן בפה מלא אז ער זאל נישט קומען רעדן צו מיר אינמיטן דאווענען, אדער עס איז נישט קיין דרך ארץ, בפרט ווען ער רעדט נאר דברי תורה?**

**תשובה:** די שאלה ווערט געברענגט אין ספר "פלא יועץ", און לחיבת הקודש זענען מיר מעתיק זיינע הייליגע ווערטער: "עס זענען דא אזעלכע וואס זענען שטארק נזהר נישט צו רעדן אין בית הכנסת, אבער ווען אנדערע רעדן זעט עס אים אויס ווי א בושה און גאוה נישט צו ענטפערן יענעם און קלאר זאגן אז ער רעדט נישט אין בית המדרש, און צום סוף איז עס משפיע אויף אים אז אויך ער זאל רעדן, ווייל עס ווערט אין זיינע אויגן ווי א היתר'דיגע זאך. אבער פאר א ירא ה' דארף אנכאפן א ציטער צו רעדן, אדער זען ווי איינער רעדט, צוליב דעם הארבן איסור דערפון, און ער זאל זאגן פאר דעם וואס קומט רעדן צו אים בפה מלא: "איך רעד חלילה נישט אין בית המדרש".

פארשטייט זיך, אז מען זאל זאגן מיט דרך ארץ, אז מען האט זיך פארגענומען נישט צו רעדן ביים דאוונען, און אדרבא, מען איז שטארק אינטערעסירט צו הערן די שיינע געדאנקען, אבער נאכ'ן דאוונען.

דער פלא יועץ פירט אויס: "דער וואס איז נזהר דערין, איז אויסער דעם וואס ער ווערט אפגעהיטן פון די הארבע עונשים און די לאוין וואס זענען פארבונדן דערמיט, גיט מען אים שכר ווי ער וואלט מקיים געווען א מצוה, ווייל ער איז מקיים די מצוה פון 'ומקדשי תיראו'".

אויך איז נישטא קיין היתר צו רעדן אינמיטן דאוונען דברי תורה, ווי הגה"ק ר' אברהם, דער טאטע פון של"ה הק' זי"ע, שרייבט וועגן דעם אין ספר "יש נוחלין", אז די וואס רעדן אין לערנען בשעת דער עולם דאוונט זענען גורם, חס ושלום, אז אנדערע זאלן רעדן דברים בטלים, ווייל זיי וועלן זאגן, וואס בין איך אנדערש ווי דער תלמיד חכם וואס קען לערנען און רעדט אינמיטן דאוונען. און ער פירט אויס, אז דער עיקר קלקול אין קדושת בית המדרש ווערט, חס ושלום, דורך לומדים און תלמידי חכמים וואס רעדן אין לערנען בשעת'ן דאוונען און פארגעסן אז עס איז דא א צייט צו לערנען און עס איז דא א צייט צו דאוונען.

איר קענט אריינשיקן אייער שאלות בנוגע קדושת בית המדרש
און עס וועט בעז"ה געענטפערט ווערן אויף דעם אפטיילונג

**גרויסאַרטיגער "כינוס הגבאים" וועט צונויפנעמען אַלע גבאי בית מדרשים - פרטים יבואו!**

וכל קרב וכליו"ת יזמרו לשמך:

# אַ איד דערציילט ברבים אַ וואונדערליכע פאַסירונג ביים ציון פון הייליגן תוספות יום טוב זי"ע און איז מעורר ווייטער הונדערטער אידן

אַ חשוב'ער איד, אַן אָנגעזעענער נדיב לב אין דער שטאָט קרית יואל, האט אונז איבערגעגעבן די פאלגענדע וואונדערליכע געשיכטע וואס האט פאַסירט מיט אים - אַ מעשה פלא וואָס ברענגט מיט זיך אַ מורא'דיגן מוסר השכל.

פאָלגענד איז די געשיכטע וואָס דער איד פאַרציילט, ככתבו וכלשונו.

*

איך פלעג אַסאַך ליידן נישט מער געדאכט אויף "קידני אטאקעס"; דאָס הייסט: אז ס'זאמלט זיך אן שטיינער אין די נירן, און דאס איז גורם גאר שרעקליכע יסורים. כ'פלעג ליידן דערפון אומגעפער צוויי מאל א יאר.

אזוי איז עס אנגעגאנגען פאר 5-6 יאר צי מער. כ'האב שרעקליך געליטן דערפון. ווען אזא אטאקע האט פאסירט, האט מען מיר געמוזט אריינפירן אין שפּיטאָל. איין יאר איז עס געווען אום סאַמע יום הקדוש, איינמאָל אינמיטן די הקפות. ס'איז געווען ממש געפערליך.

מיט ארום 6 יאר צוריק בין איך געפארן אויף א נסיעה אויף מקומות הקדושים צום יאָרצייט פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע, כ"א אדר. די נסיעה איז אראנשירט געווארן דורך די 'מקומות טורס'.

מיר זענען געווען אין קראָקאָ, ביים ציון פון הייליגן רמ"א, אינמיטן די נאכט און געזאגט תהילים. ווען מען האט געענדיגט האט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ בענקל הרה"ח ר' יצחק בער ווירצבערגער הי"ו, דער אָנפירער פון דער נסיעה, און געזאגט: "איך וויל ענק דערציילן א מעשה וואס איז געשעהן פאראיאר און ער האט דערציילט די פאָלגענדע געשיכטע.

(הערת המערכת: די מעשה האבן מיר שוין געהאט אראפגעברענגט טיילווייז דא אינעם גליון. נאר היות דאָ גיט עס דער איד אראפ פערזענליך מיט די פונקטליכע פרטים איז עס אַ באַזונדערער חשיבות).

עס איז געווען פארגאנגענעם יאָר, פאָרנדיג אויפ'ן באָס, האָט דער חשוב'ער מגיד, הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א, פארציילט דעם פאָלגענדן סיפור אויפ'ן וועג קיין קראקא.

ס'איז געווען א ביהמד"ר וואו מ'האט ליידער נישט מקפיד געווען צו רעדן ביים דאווענען. אחוץ איין בחור איז געווען וואס ער האט זייער מקפיד געווען דערויף און זיך געהיטן נישט צו רעדן ביים דאווענען.

איין וואך איז ער צוגעגאנגען צום רב, און שטעלט אים פאָר די פאָלגענדע טענה: היתכן ער איז דער איינציגער וואס רעדט נישט ביים דאווענען און ער ווערט נאך נישט א חתן?! וואו איז די ברכה פון די מי שברך פון תוספת יו"ט? האט ער זיך געוואונדערט.

יענעם מוצש"ק, נאכ'ן דערמאנען זכותו פן הייליגן תוספות יום טוב, האט מען אנגעטראגן א שידוך פאר דעם בחור! ביים געבן די "אינפארמאציע" האט מען צוגעלייגט, אז די מדוברת איז אן אייניקל פון תויו"ט!

וואו מ'האט זיך נאר נאכגעפרעגט פאר אינפארמאציע איז געקומען די זעלבע תשובה, אז ס'איז א גוטע זאך און אז זי איז אן אייניקעל פון הייליגן תויו"ט.

מיט עטליכע טעג דערויף איז דער שידוך צושטאנד געקומען בשעה טובה ומצלחת!

שוין, אָט די מעשה האט הרב ר' יוסף חיים שליט"א דערציילט אויפ'ן וועג קיין קראקא, זיך גרייטנדיג צו גיין צום ציון פון תוספות יום טוב, מ'זאל וויסן אז המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש היא און ס'איז א שעת הכושר אויסצובעטן ישועות.

אַ קורצע ווײַלע דערויף, ווען דער עולם איז אנגעקומען ביים ציון פון תויו"ט, האט איינער פון די מיטרייזנדע אויף דער נסיעה געכאפט א זייער שווערע קידני אטאקע ר"ל.

אַ נירן-אטאקע איז מסוכן אפילו ווען מ'איז אינדערהיים, נעבן גוטע שפּיטעלער און דאקטוירים. על אחת כמה וכמה, ווען מ'געפינט זיך אינדערפרעמד, אין א בית החיים, וואו קען מען זיך דא אפילו אהינטון? דער מצב איז געווען ממש געפערליך. דער איד האט זיך געוואלגערט פאר יסורים.

זייענדיג אזוי אין יסורים האט דער איד זיך גענומען צו וויינען, און זייענדיג אונטער'ן רושם פון די פריערדיגע מעשה, האט ער זיך אונטערגענומען אז מהיום והלאה וועט ער נישט רעדן ביים לייענען וזכותו הקדוש פון הייליגן תוספות יום טוב זאל אים ביישטיין!

תיכף דערנאך האט ער געשפּירט אז ער ברויך אַרויסגיין, ער איז אַרויס אין חצר פון רמ"א שוהל וואו ס'איז אים ב"ה אַרויסגעקומען די שטיינער, און ער איז וואונדערליך פטור געווען פון די ביטערע יסורים, אן דארפן צוקומען צו א דאקטאר אדער שפּיטאָל. ממש הפלא ופלא!

ביז אַהער האט ר' יצחק בער ווירצבערגער דערציילט די מעשה, מיט א מורא'דיגער התרגשות, פשוט צו דערציילן פאַר'ן ציבור דעם גרויסן כח פון די קבלה ביים תוספות יום טוב. ס'איז געווען קענטיג ווי ער איז נאך אונטער'ן רושם פון די אויסטערלישע פאסירונג וואס ער האט אליין מיטגעלעבט.

*

בשעת ר' יצחק בער האט דאס דערציילט, בין איך געווען דארט אין קראָקאָ מיט מיינע דריי בחורים. כ'האט געווארט אביסל אז דער עולם זאל זיך צעשפּרייטן. דאן בין איך צוגעגאנגען צום ציון פונעם הייליגן תוספות יו"ט, און זיך גענומען ביטער אויסוויינען, אז איך לייד זייער אסאך אויף נירן-אטאקעס, און דאס לעצטע מאל איז עס געווען ממש געפערליך.

כ'האָב געזאָגט דעם צדיק, אַז כ'נעם זיך פאָר פאַר'ן רבוש"ע, אז פון היינט און ווייטער וועל אייך מער נישט רעדן בשעת קריאת התורה, און אין דעם זכות זאל מיר דער רבוש"ע העלפן.

שוין, איך האָב מתפלל געווען און איך בין אַהיימגעפאָרן. אַהיימקומענדיג האָב איך טאַקע מקיים געווען מיין קבלה און זיך איינגעהאַלטן מיט אלע כוחות נישט צו רעדן ביים ליינען.

עס איז אדורך א יאר, און וואונדער איבער וואונדער: כ'האב נישט געהאט קיין איין ניר-אטאקע, ברוך ה'!

אבער, היות מיין קבלה איז געווען נאָר לגבי דעם לייענען גופא, בין איך געבליבן בלויז טאַקע נאָר מיט דעם, בשעת "בין גברא לגברא" האב איך דאָך זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און נישט אַזוי מקפּיד געווען נישט צו רעדן.

א צייט שפּעטער איז מיין זון א חתן געווארן, און כ'האָב אָפּגעמאַכט אַז איך פאָר נאכאמאל אויף די מקומות הקדושים. פאַרשטייט זיך אז איך בין צוגעגאַנגען צום תוס' יו"ט און אפּגעגעבן א הודאה על העבר. זייענדיג דאָרט, אונטער אַ גרויס התעוררות, האב איך דא צוגעלייגט אַ פרישע הוספה צו די קבלה, און געזאָגט אז איך נעם זיך פאָר מהיום והלאה נישט צו רעדן אויך נישט בין גברא לגברא.

בין דאַן פלעג איך ביים ליינען טוישן פּלאַץ צו זיין נעבן מיינע ידידים, וואו מען פלעגט אַזוי "פאַרברענגען" בין גברא לגברא... אבער פון יענעם טאָג און ווייטער האָב איך אנגעהויבן פארבלייבן אויפ'ן פלאץ וואו איך דאווען, אויך ביים ליינען. דאס גייט שוין אן, ב"ה, באלד 6 יאר צום גוטן, וואך איין וואך אויס, וואס איך רעד נישט ביים ליינען. אפילו נישט בין גברא לגברא.

פון יענעם באַזוך און קבלה ביים הייליגן תוספות יום טוב און ווייטער, האב איך נאכנישט געהאט קיין איין קידני-אטאקע, גאַנצע 6 יאָר!!!

בנוסף לזה, האב איך מיר שוין אויפגעשטעלט רעדן זייער אסאך מאל צו דערציילן מיין געשיכטע כדי מזכה זיין אנדערע אידן זיך צו מקבל זיין די קבלה און זעהן ישועות.

אמאל איז דאס געווען ביי א נסיעה מיט כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי דספינקא שליט"א. מ'איז געווען אויף שבת אינעם ביהמ"ד פונעם הייליגן בעש"ט אין מעזשיבוש. האב איך דאָרט דערציילט די מעשה ברבים, און אידן זענען שטארק נתעורר געוואָרן.

א שטיק צייט צוריק האט ספינקא געמאַכט א שבת פאר אברכים. עס זענען געווען דארט לערך 70-80 יונגעלייט. האב איך אויך גערעדט שבת פאַר'ן לייענען, און נאך מענטשן האבן זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן. זייער אסאך אידן זענען שפעטער צוגעקומען צו מיר זאגן אז זיי האבן געזען דערפון אפענע ישועות.

פאר א דריי פיר חדשים צוריק האב איך געהאלטן א דרשה דא אין קרית יואל פאר א ישיבה קטנה פון צוויי דריי הונדערט בחורים און זיי שטאַרק מעורר געווען.

שפעטער זענען פילע טאַטעס צוגעקומען צו מיר זיך באדאנקען, אז זייערע בחורים האבן דערציילט מיט התפעלות וויאזוי א איד אַ בעל הבית האט זיך אויפגעשטעלט רעדן בנוגע מורא מקדש... און נאכ'ן הערן די דרשה האבן זיי זיך אלע פארגענומען אז זיי רעדן נישט מער ביים ליינען! די טאטעס האבן מורא'דיג הנאה געהאט.

א האלב יאר צוריק בין איך ארויסגעפארן מיט מיינע קינדער און אייניקלעך אויף א שבת צו פארברענגען בשבת אחים פרייטאג צו נאכטס פארן דאווענען האב איך מיר אויף געשטעלט און געזאגט פאר מיינע קינדער. "איך האב ענק צוגעשטעלט א הערליכע שבת, ס'האט ענק גארנישט געקאסט אזוי אז יעדער זאל הנאה האבן. איך דארף נישט פון ענק גארנישט. נאר איין זאך בעט איך ענק", - האָב איך זיי געזאָגט: - "מען זאל זיך אונטערנעמען אז דעם שבת רעדט נישט קיינער, נישט נאר ביים לייענען נאר אויך נישט ביים דאווענען! מען ווען נישט מאריך זיין ביים דאווענען, אבער קיינער זאל נישט רעדן פון מה טובו ביז אדון עולם. טאטעס, בחורים, יונגלעך. קיינער רעדט נישט!"

ב"ה מען האט עס אויסגעפאלגט. מען האט נישט גערעדט פון אנפאנג ביזן סוף. דער שבת איז געווען מעין עולם הבא, און ס'איז מיר געווען א מורא'דיגע הנאה און זכות.

כ'קען ב"ה זאָגן, אז כהיום האב איך שוין דעם "קרעדיט" פון עטליכע הונדערט אידן וואס רעדן נישט ביים ליינען ווייל זיי האבן געהערט מיין דרשה און די מורא'דיגע מעשה, און איך האף אז מיט'ן אפּדרוקן מיינע שורות אין אייער גליון וועט דאס מעורר זיין נאָך אידישע קינדער זיך אונטערצונעמען די קבלה, והי' זה שכרי.

מיט דאנק פאר'ן מיר געבן די זכי' און דרוקן מיינע שורות.

מ.י.א. קרית יואל

*

הר"ר יצחק בערווירצבערגער פון "מקומות טורס" לייגט צו דעם פאלגענדן עפיזאד:

מיט 2 יאהר צוריק כ"א אדר בין איך געווען אין קראקא און ביים ציון פון תויו"ט ווידער פארציילט די מעשה. איז געווען דארט א עלטערע בחור פון א קבוצה מארה"ק און געבעטן אז מ'זאל אים אינזין האבן אז ער זאל א חתן ווערן. האב איך אים געזאגט אז ער זאל זיך איטערנעמען נישט צו רעדן ביים ליינען, האט קודם נישט געוואלט וויל עס איז זייער שווער, האב איך אים געפרעגט וואס איז שווערער צו זיין א עלטערע בחור אדער נישט רעדן ביים ליינען?

איז ער איינגעגאנגען זיך מקבל זיין נישט צו רעדן ביים ליינען און פאר שבועות האט ער גערופן זאגן אז ער איז א חתן געווארן ב"ה.

"אָט, שטייען מיר יעצט 9 חדשים שפּעטער", האָט דער יונגערמאַן אויסגעפירט מיט התרגשות, "און איך האָב ב"ה יעצט געפּראַוועט דעם ברית פונעם קינד בשעה טובה ומצלחת"!

יאָ, ער האָט זוכה געווען בחוש צו דער הייליגער ברכה פונעם תוספות יום טוב זי"ע, "ויזכה לראות בנים חיים וקיימים"...

מ'דארף טאקע ביי דער געלעגנהייט אַרויסהייבן לשבח דעם ביהמ"ד "קדושת צבי", וועלכע איז קוואַרטירט אויף ווילאבי קארנער ספּענסער, וואו די מתפּללים זענען גאָר שטאַרק נזהר נישט צו רעדן ביים דאַווענען, און דער בית שמגדלין בו תורה ותפלה איז דערמיט א לייכט-טורעם פאַר דער גאַנצער אומגעגענט.

## נישט אַלעס פאַרשטייען מיר; מיר קענען נישט פירן די הימלישע חשבונות!

לכבוד די חשוב'ע מוציאי לאור פונם גליון "נקדישך".

איך וויל איר זאלט וויסן, אז אייער גליון איז א מורא'דיגער חיזוק און טוט אויף געוואַלדיגע זאַכן. איך האב געוואלט צולייגן אז אין גליון פון פרשת וישלח שרייבט איינער, אַז ער האט זיך אונטערגענומען די קבלה אוןווארט אויף א ישועה, און ער זעט נישט די ישועה.

וויל איך אייך זאגן ווי פאָלגענד:

איך מוטשע זיך זייער אויף פרנסה. מיין בני בית האט געזען איין טאָג אז איך בענטש ברכת המזון ערליך און שטאַט, פרעגט זיך מיר איין טאג: אז דו בענטשסט אזוי ערליך, וויאזוי קען זיין אז דו מוטשעסט זיך אויף פרנסה?...

האב איך איר געענטפערט ווי פאָלגענד: ווער ווייסט דען, קען זיין אַז ווען נישט איך בענטש ערליך וואלט איך מעגליך געדארפט שטיין ביים נאָענטסן קארנער און זאַמלען ניקלס, זיך צו ערנעהרן?...

כ'מיין דאָ בלויז דעם משל, אָבער וואָס ווייסט דען דער מענטש, וואָס איז פאר אים אָפּגעשריבן, און וואָס די קבלה טובה טוט פאַר אים אויף?!

דאָס איז איינס.

והשנית: איך האט געהאט דריי קינדער וואס האבן געווארט זייער לאנג אויף זייער שידוך. מיינע קינדער זענען אַריין אין שידוכים, איינס ביי 27 און איינס ביי 30. ס'האט זיך אבער ארויסגעשטעלט אז דער זווג זייערער איז געווען מיט 7 ביז 9 יאר יונגער. ממילא איז פשוט נישט מעגליך געווען פאר זיי א שידוך צו טון פריער!

וואָס וויל איך ארויסברענגען?

עס זענען דא פארשידענע זאכן וואס ס'מוז אזוי זיין, אָבער אַמאָל אַז דער זווג איז באַשערט אויף א געוויסן אופן, דאן מוז מען ווארטן. מ'קען טון הונדערטער סגולות, אבער טאמער איז דא א סיבה פארוואס ס'מוז אזוי זיין וועט עס נישט קיין סאַך העלפן.

נאר וואס יא? אז ס'דא א מענטש אויף וועמען ס'איז ח"ו נגזר געווארן א גזירה, ס'זענען דאָ דינים וואָס שטערן די ישועה פון אָנקומען, דאַן העלפט די קבלה טובה, אפּצוטון די גזירה, און מעורר זיין רחמי שמים צוצואיילן די ישועה אז מ'זאל אויפגעראָכטן ווערן בעזרת השם יתברך.

זאל דער אויבערשטער העלפן אלע אידישע קינדער געהאלפן צו ווערן בכל משאלות לבבם לטובה ולברכה. (-)


מוֹרָא מִקְדָּשׁ פַּאר קִינְדֶער

צו הערן שיעורים און סיפורים איבער מורא מקדש, רופט

**קרן תוספות יום טוב 212-299-9185**

פאר די **צווייטע** רייכע שיעור אין **ספר הקדוש מורא מקדש**,

פארגעלערנט דורך הר"ר **חיים יצחק האכהייזער** שליט"א

**דרוקט נומער 7**

פאר די הערליכע סיפור **לפרשת ויגש-ויחי**

דערציילט דורך הרב ר' **מתתי' גרין** שליט"א (חלק א')

**דרוקט נומער 5**

הערט און האט הנאה!

איר קענט באקומען עלעקטראניש דעם ספר **מורא מקדש אויף אידיש** דורכן שיקן אן אימעיל צום מערכת

מה חידוש נתחדש בביהמ"ד:

# ביהמ"ד נייעס

פאָזיטיווע אַנטוויקלונגען און נאָטיצן בקרב קהלות, בתי מדרשים, ומוסדות הק', אַרום די **"התעוררות וקבלה טובה"** פון **"נישט רעדן בשעת התפלה וקריאת התורה"**

*ותשועה ברוב יועץ:*

## ערשטמאָליגער גרויסאַרטיגער "כינוס הגבאים" וועט צונויפנעמען אַלע גבאי בית מדרשים דורכ'ן "קרן תוספות יום טוב", לחזק ולהתחזק

לויט ווי ס'ווערט איבערגעגעבן פון די ראשי קרן תוספות יום טוב ווערט פאָרגעברייט א גרויסארטיגע מלוה מלכה וואס וועט דינען אלס "כינוס הגבאים" פון ניו יאָרק, לחזק ולהתחזק אין די הייליגע אונטערנעמונג לעמוד על המשמר אויף דעם ענין פון "שתיקה בשעת התפלה", און בכלליות "קדושת ביהמ"ד".

אויספירליכע פרטים וועלן נאכפאלגן במשך די קומענדיגע וואכן בעז"ה.

*ה' ירפאהו ויחלימהו:*

## העכער 400 חתימות פאַר אַ נישט-געזונטן חתן ברענגט ב"ה וואונדערליכע ישועה; פרישער זמן החתונה שוין באַשטימט געוואָרן

מיט עטליכע וואכן צוריק האָט אַ שווערע פאַסירונג זיך אפגעשפילט אין איינס פון די גרויסע קהלות, ווען אַ חשוב'ער חתן איז ליידער דיאגנאזירט געווארן מיט דער ביטערער מחלה, ה' ישמרנו.

דער מצב איז געווען ביטער ווי גאַל. דער חתן איז אַריינגעפירט געוואָרן אין שפיטאל, און דער זמן החתונה געקענסלט.

זיינע חברים זענען געוואָרן מורא'דיג צעשאָקעלט מיט רחמנות-געפילן. זיי האָבן זיך צונויפגענומען און אָרגאַניזירט א מעכטיגן דרייוו אונטערצו'חתמנ'ען ווי מער בחורי חמד אויף א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען.

דער קאַמפיין איז אָנגעגאַנגען אין עטליכע ישיבות אין די קהלה און מען האט באַוויזן צו שאַפן העכער 400 חתימות אין אַ קורצע צייט!

וחסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו! די הייליגע קבלה האט עושה רושם געווען, וואונדער איבער וואונדער, ווען די דאָקטורים זענען אָקאָרשט צוריקגעקומען זאָגן, אז ער וועט זיך בקרוב אַרויסזען פון די גאַנצע זאַך, בעזרת ה', און מ'האָט שוין ב"ה באַשטימט אַ פרישן זמן החתונה, מיט פריילליכע הערצער!


ב"ה
ה' ילחם לכם ואתם תחרישון...
אנו החותמים למטה מקבלים על עצמנו
בלי נדר ובעזרת השם יתברך
- לא לדבר בשעת התפילה -
לזכות רפואת ידידנו היקר באנשים
הבחור החתן ב ני"ו
שנחלה במחלה הנוראה ה"י ועומד לפני נשואו אי"ה בשעטומ"צ,
הרופא לכל בשר ישלח לו רפואתו השלימה והמהירה בתוך שאר חולי ישראל.
סוג א' - לא לדבר בעת קדיש וחזרת הש"ץ.
סוג ב' - לא לדבר משך כל התפילה.
סוג ג' - לא לדבר בעת התפילה וקריאת התורה
ובזכות זה הקל מלא רחמים ירפאהו ויחלמהו בבריאות השלימות
ויתן לו חיים ארוכים בטוב ובנעימים ברוב עוז וחדוה.
- הקבלות הוא עד אחר ימי חנוכה הבעל"ט -
סוג | שם

והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים!


# יעצט, חנוכה איז די צייט!

זיך פאָרצונעמען צו היטן אויף כבוד בית ה'

# נישט רעדן ח"ו ביים דאַווענען

נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים

עַל הַנִּסִּים וְעַל הַנִּפְלָאוֹת!

טויזנטער אידן זעען קלאר וואונדערליכע ישועות אין זכות פון די הייליגע קבלה!

## פאַרכטיגע ווערטער פונעם נודע ביהודה

ואלו המדברים בבית הכנסת, אין לך מורד במלכו של עולם בהיכלו ולפניו גדול מזה, וזה מטמא אויר הקדוש, דגמת היונים שטמאו המזבח, כי זה מעמיד צלם בהיכל.

(איבערגעזעצט אין אידיש)

"די וואס רעדן אין ביהכנ"ס ביים דאווענען, איז נישטא קיין גרעסערער ווידערשפעניגער אין דעם קעניג פון דער וועלט אין זיין היכל און פאַר אים מער פון דעם!

דער וואס שמועסט אין ביהמ"ד טוט מטמא זיין די הייליגע לופט אזוי ווי די יונים וואס האבן מטמא געווען דעם מזבח ווייל ער טוט אַריינשטעלן אַ צלם אינעם היכל!"



89 Throop Ave. Brooklyn NY 11206
212.299.9185 212.244.6551 @ Gilyon@KerenTosfesYomTov.com

אין לקרותו בשעת התפלה או בשעת קריאת התורה

Keren Tosfes Yom Tov
89 Throop Ave Brooklyn NY 11206
212.299.9185 212.244.6551 @ gilyon@kerentosfesyomtov.com

צו באקומען דעם גליון אדער פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, רופט / פעקס / אימעיל צו די פאלגענדע:

נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**



# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**מקץ-חנוכה**

## • לימוד מהפרשה

**ושם אתנו נער עברי עבד לשר הטבחים ונספר לו ויפתר לנו את חלמתינו איש כחלומו פתר**

**נער עברי עבד** - ארורים הרשעים שאין טובתם שלמה

**עברי** – אפילו לשונינו אינו מכיר

עס איז דא אווערטל, מ'האט געפרעגט דער 'פעסעמיסט' וואס זאגט דער 'אפטימיסט'? האט ער געענטפערט אז דער אפטימיסט זאגט אז ס'קען נאך ווערן ערגער...

דער שר המשקים האט געזאגט פאר פרעה אז ער ווייסט פון א פותר חלומות וועלכער איז אין תפיסה מיטן נאמען יוסף. אבער ער האט צוגעלייגט קריטיק, נער עברי עבד. זאגט רש"י אז די פארשאלטענע רשעים קענען נישט טוהן קיין גאנצע טובה. זאגט דער בית אהרן שאין טובתם שלימה - זיי האבן נישט קיין גאנצע טובה. אלעמאל וועלן זיי זוכן א חסרון, דאס איז נישט גוט און דער איז נישט גוט. די עבודה דארף זיין צו טרעפן די גוטס אין יעדע זאך.

פארוואס דוקא דא איז עס מרומז ? יעדער פארשטייט אז דער שר המשקים האט נאך א חסרון: עס האט אים געפעלט הכרת הטוב. א מענטש וויל נישט זיין שולדיג, און דערפאר גייען די צוויי אינאיינעם. ווען איינער האט נישט הכרת הטוב, וועט ער זיין 'פעסעמיסטיק' און טרעפן א חסרון ווייל אויב נישט וועל איך דאך זיין שולדיג א טובה...

מיר אידן דארפן וויסן וואס דער חובות הלבבות זאגט אז **דער יסוד פון עבודת השם איז הכרת הטוב**. אן דעם קען מען נישט זיין א עובד השם. יעדער מענטש דארף טרעפן די גוטע זאכן וואס דער באשעפער האט אים געגעבן.

מיר האבן א מצוה וואס איז געשטעלט אויף הכרת הטוב, דאס איז מצות בכורים. מ'קומט אין בית המקדש מיט די ערשטע פרוכט און מ'זאגט ישר כח. מ'דארף עס זאגן בקול רם, ואמרת אליו" שאינך כפוי טובה", פארוואס בקול רם? ווייל די טבע איז אז א מענטש קען באשטיין צו "שיקן" א ישר כח מיט א שליח אדער 'טעקסטן' ישר כח...אבער ארויסצוזאגן מיט די אייגענע מויל דירעקט צו יענעם ישר כח אויף די טובה וואס דו האסט מיר געטון, איז שוין שווערער...

דער שר המשקים האט געזאגט צו פרעה איננו מכיר בלשונינו- ער קען נישט אונזער שפראך. יוסף האט נישט געקענט מצריי'שע שפראך? ער איז דאך געווען דער גאנצער 'מענעדזשער' ביי פוטיפר, אודאי האט ער געקענט רעדן מצריש!

נאר דער שר המשקים זאגט הער אויס פרעה, דער יוסף האט מיך געבעטן אין תפיסה אז איך זאל אים געדענקן, ער ווייסט נישט אז ביי אונז מצריים איז נישטא אזא זאך, מיר רעדן א אנדערע שפראך...וויאזוי קען ער זיין אונזער פירער?

ווען א מענטש קען נישט געדענקן גוטס איז ער אלעמאל אין א "מצרים", אין מצר-ענגשאפט. דער וואס לעבט יא מיט הכרת הטוב איז זוכה צו מלכות. צו אמת'ע מלוכה וואס נעמט ארויס פון ענגשאפט.

דערפאר ליינט מען פרשת מקץ אום חנוכה, די יום טוב וואס איז געשטעלט להודות ולהלל דארפן מיר אריינטראכטן וואס זענען די צוויי זייטן. די פעסמיסטישע זייט וואס איז מצרים, און דערנאך דער דאנקע'דיגע הכרת הטוב'דיגע מדה פון לויבן להודות ולהלל וואס שלעפט ארויס מן המצר.

## • הלכה

**שאלה: פון וועלכע עלטער טאר מען נישט הייסן א קינד טוהן א מלאכה אום שבת ?**

**תשובה:** מ'טאר נישט הייסן א קינד טוהן א מלאכה אפילו פאר א "תינוק בן יומו". מ'מעג ארויפלייגן א בעיבי אויפן טיש – "נישט האלטן אין די האנט" - ער זאל אליין אנצינדן די לעקטער וכדומה אבער נאר אויב ער פארשטייט נישט די כוונה פונעם טאטן.

**שאלה: פון וועלכע עלטער דארף מען מוחה זיין ווען א קינד טוט א מלאכה אום שבת ?**

**תשובה:** בערך 3-4 יאר אלט, דהיינו ער פארשטייט אז מיט די ווארט "ניין" אסר'ט מען אים, עס זענען דא וואס זאגן אז דאס קינד דארף "פארשטיין" און לויט דעם דארף ער זיין בערך 6 יאר אלט.

## מעשה

**להודות ולהלל**

אין די איצטיגע חנוכה טעג וואס איז אוועקגעשטעלט להודות ולהלל איז כדי אראפצוברענגען די פאלגענדע מעשה וואס האט פארציילט הרה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א: עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין איינע פון די דרום שטעט אין ארץ ישראל, דער איד האט זיך שטארק געמוטשעט מיט שידוכים ל"ע, ער האט געהאט פינעף קינדער אויף די רייע, די עלטסטע טאכטער איז שוין געווען 28 אין עס האט זיך גארנישט גערוקט. דער איד איז געווען זייער צובראכן. צו דעם האט זיין חברותא א שידוך געטון און ער האט אים געבעטן א הלואה פאר די הוצאות החתונה, דער איד – האבנדיג רחמנות אויף זיין חבר - האט זיך געבארגט געלט פון די באנק אויפן חשבון פון זיין הויז כדי אוועקצובארגן פאר זיין חברותא. מיט דער צייט איז דער חברותא געווארן מער און מער געדרוקט אין געלט און ער האט אויפגעהערט צו צאלן, עד כדי כך אז די באנק האט געוואלט ארויסלייגן די הויז אויף 'פארקלאוזשאר' ל"ע. יעצט האט ער שוין געהאט צוויי פעקלעך אויפן קאפ, איינס די שידוכים און די צווייטע די פרשה מיט די הויז וואס ער קען ח"ו פארלירן.

איין טאג איז ער געפארן צו ירושלים צו א חתונה פון זיינס א באקאנטער, ער האט דארט באגעגענט א קרוב וועלכער האט געזען אויף זיין פנים אז ער איז צוגעלייגט, האט ער אים געפרעגט די קשיא וואס יוסף האט געפרעגט אין תפיסה "מדוע פניכם רעים היום" – וואס גייט פאר מיט דיר ? האט דער איד זיך אויסגערעדט זיין פעקל מיט די שידוכים און די פרשה מיט די דירה. האט דער קרוב אים מייעץ געווען אריינצוגיין דא אין ירושלים צום גערער רבי דער בית ישראל זצ"ל. דער איד וועלכער איז נישט געווען קיין חסיד האט נישט געהאט קיין חשק צו גיין צו א רבי, אבער דער קרוב האט אים צוגערעדט אז עס קען נישט שאטן.

דער איד איז טאקע געגאנגען און דער בית ישראל האט אים געפרעגט: געדאנקט האסטו? און ער האט צוגעלייגט: די הודאה דארף זיין 60% און די בקשה 40% (דאס הייסט מ'דארף מער דאנקן ווי בעטן), און אזוי האט זיך געענדיגט די שמועס.

דער איד איז צוריקגעגאנגען צום קרוב און האט אים דערציילט אויף די "מאדנע" ענטפער פונעם גערער רבין. האט דער קרוב אים געזאגט, נו דו האסט דאך אסאך צו דאנקן, אויף די פרנסה און געזונט וכו', אלעס גייט דיר גוט אויסער די צוויי ענינים שידוכים און די דירה. דער איד האט טאקע אנגעהויבן צו דאנקן טאג טעגליך אויף די אלע גוטע זאכן וואס ער האט יא, און ביז א גאר קורצע

צייט האט זיך אלעס אנגעהויבן צו רוקן אין די גוטע ריכטונג. די טאכטער איז א כלה געווארן און דערנאך די אנדערע קינדער. א צייט שפעטער איז די מאמע אוועק און די משפחה איז געווואר געווארן אז זי האט איבערגעלאזט זייער אסאך געלט, דער איד האט געהאט גענוג געלט אויסצולייזן די הויז פון די באנק און ס'איז געווארן לעכטיג. איינער האט דערנאך צוגעלייגט אז ביי הלל זאגט מען 6 מאל הודו לה' (די לעצטע הודו זאגט מען איבער 2 מאל) און 4 מאל אנא ה'...

## *א גוט שבת*




פרשת מקץ - חנוכה תשע"ט לפ"ק - גליון פ"ג

# דעם שווער'ס אנטיק אינמיטן די נאכט

**צו די חשובע ארויסגעבער פון די הייליגע גליון ואני תפלתי.**

איך בין א אינגערמאן וואס וואוינט אין מאנסי, און איך האב ב"ה געמאכט א שמחה, און עס האט זיך אויך געמאכט פונקט דאן נאך געוויסע גרויסע הוצאות וואס איך האב געדארפט דעקן אין א קורצע אפשניט פון א וואך צייט.

די סך הכל איז געווען, אז איך דארף פארשאפן אזויפיל ווי צען טויזענט דאלער אין דריי טעג!

**נישט וויסנדיג וואס צו טון, און וואו צו שאפן דאס געלט, האב איך געטון די מיטל פון אונזערע הייליגע אבות הקדושים, ואתחנן אל השם בעת ההיא לאמר, איך האב געבעטן צום באשעפער א תפלה, ער זאל מיר שיקן דאס געלט.**

נאכן מתפלל זיין האב איך שוין געשפירט רואיגער ברוך השם. און אזוי איז געווען, די תפלה איז אנגענומען געווארן. א איד האט מיר גערופן עטליכע שעה שפעטער:

"וואס מאכסטו? איך האב מיר יעצט דערמאנט אז איך בין דיר שולדיג עטליכע טויזענט דאלער שוין פון יארן צוריק, יעצט האב איך דאס געלט ביי מיר, קענסט עס קומען אפנעמען...

**אזוי איז אנגעקומען נאך א טויזענטער און נאך א טויזענטער פון עטליכע פארשידענע אומגעראכטענע ערטער, און ב"ה אז דאס גאנצע געלט איז געדעקט געווארן.**

אויף שבת קודש איז מיין שווער זאל זיין געזונט געקומען צו פארן פון וויליאמסבורג צו די שמחה. ער איז שוין דארט געווען דאנערשטאג ביינאכט, און איך האב אים פארציילט מיין געשיכטע מיט די צען טויזענט דאלער.

מיין שווער האט זיך באלד אנגעהויבן צו אויסרעדן אז ער דארף גאר וויכטיג פארשאפן זעקס טויזענט דאלער, און ער האט אויך נישט פון וואו. ער איז א אנטיק סוחר, אבער לעצטנס האט ער ממש גארנישט פארקויפט.

**"שווער לעבן, זיי מתפלל צום באשעפער, אזויווי איך האב געטוען. דאס העלפט מורא'דיג, ביי מיר האב איך זיך עס איבערצייגט די וואך ממש. דער שווער וועט נישט חרטה האבן"...**

מיר האבן ווייטער געשמועסט, און דערנאך האט מען זיך געלייגט שלאפן. צומארגנס גרוס איך מיין שווער מיט א גוט מארגן, און ער זאגט מיר אז ער האט עפעס צו פארציילן...

נעכטן צוויי אזייגער ביינאכט רופט מיר א איד, פרעגן אויב איך האב א געוויסע ספר, וואס ער דארף זייער וויכטיג. ער האט ממש יעצט געהערט אז איך האב עס, און ער וויל עס שנעל קויפן בעפאר א צווייטער קויפט עס...

מען האט געשלאסן מקח נאך יענעם נאכט מיט דעם ספר... דער איד האט זיך עפעס אזוי שטארק געיאגט, אז ער האט מסכים געווען צו צאלן אביסל מער, ווענדיג זיין פארזיכערט...

**און לאמיר אייך העלפן צוטרעפן וויפיל דער ספר איז ווערד געווען... פונקטליך זעקס טויזענט דאלער, קיין פרוטה נישט ווייניגער!!!**

# דער גביר האט זיך דערמאנט...

**איך האב געהערט די מעשה פון מיינס א פעטער פון ארץ ישראל, וואס ביי אים האט דאס פאסירט, דאס איז זייער א פאסיגע מעשה פאר אייער גליון.**

מיין פעטער האט א גוטער חבר, לאמיר אים רופן ר׳ שמואל. ער איז א איד א בעל פרנסה, לויט די ארץ ישראל׳דיגע אומשטענדן איז ער נישט קיין שלעכטער פארדינער.

פאר מיין פעטער האט זיך געמאכט א געפערליכער געזונטהייט קאמפליקאציע, און ער האט גאר וויכטיג און שנעל געדארפט דורכגיין א געוויסער באהאנדלונג, וואס איז א פראצעדור וועלכע מען קען נישט אפלייגן, און עס קאסט אסאך געלט.

וויסנדיג אז ר׳ שמואל האט אוועקגעלייגט א שיינע פאר טויזענט דאלער צו חתונה מאכן די קינדער, האט זיך דער פעטער געווענדן צו אים, ער זאל אים בארגן פופצן טויזענט דאלער פאר די פראצעדור, און אי״ה ביז ווען זיין זוהן וועט א חתן ווערן און חתונה האבן, וועט שוין דאס געלט זיין אפגעצאלט.

**ר׳ שמואל איז געגאנגען פרעגן א רב וואס צו טוען. פון איין זייט דארף ער דאס געלט אויב וועט זיין א שידוך, אבער פון צווייטן זיין איז דא א מצוה פון "לא תעמוד על דם רעך", א איד דארף דורכגיין א וויכטיגע מעדעצינישע באהאנדלונג, ווי קען מען עס אוועק שטופן וועגן א פאר דאלער?**

דער רב האט געענטפערט אז ער קען מיין פעטער גוט, און ער איז ארנטליך, מען קען אים רואיג בארגן דאס געלט, און ער וועט בעזרת השם יתברך באצאלן. **"פון א מצוה דערלייגט מען נישט" האט דער רב צוגעלייגט.**

דער פעטער מיינער איז אדורכגעגאנגען די אפעראציע, און ער האט זיך צוביסלעך ערהוילט. אבער... אין די צייט וואס ער איז געלעגן אויף די שפיטאל בעטל, האט ר׳ שמואל א שידוך געטוען בשעה טובה ומוצלחת, און מען האט באשטימט א דאטום ווען די חתונה וועט אפגעראכטן ווערן בעזרת השם.

**דער חתונה דאטום האט זיך דערנענטערט מיט האסטיגע טריט. מיין פעטער ליגט אין שפיטאל, זאכן פארציען זיך, און ר׳ שמואל דארף דאס געלט צו חתונה מאכן...**

ר׳ שמואל האט גערופן דעם פעטער פרעגן וועגן דאס געלט, און נאכן הערן די מצב, האט ער אראפגעלייגט דעם טרייבל מיט א טיפן קרעכץ, און מער נישט צוריקגעקלינגען.

**מיין פעטער האט נישט אויסגעהאלטן וואס עס קומט פאר, פופצן טויזענט אויסגעהארעוועטע דאלארן, האט ער געבארגט פון איינעם וואס נויטיגט זיך דערין, און ער האט פשוט נישט די מעגליכקייט צו באצאלן.**

דערוויל איז אנגעקומען די חתונה. מיין פעטער איז שוין געווען באפרייט פון שפיטאל, און ער האט געמוזט גיין צו די חתונה... ער איז אהין געגאנגען ווען זיינע באקן פלאמען אים פון בושה...

דער מחותן ר׳ שמואל האט אים באמערקט, און געקומען צו לויפן מיט א שמחה אפצונעמען מזל טוב, זאגנדיג: **"די דארפסט זיך נישט שעמען, פון א מצוה דערלייגט מען נישט. דיין חוב איז שוין לאנג באצאלט געווארן פון הימל, דארפסט עס נישט צוריק געבן"...**

און דאן פארציילט ער אים אז פאר "צוועלף יאר צוריק" איז ער געווען אין אמעריקע, און א איד א גרויסער נגיד האט אים צוגעזאגט געלט, אבער אנקומענדיג אין אפיס איז דער גביר געווען זייער פארנומען, און צוגעזאגט אז ער וועט אים נאכשיקן געלט, א זאך וואס האט קיינמאל נישט פאסירט...

**"ער האט דאן גענומען מיין נומער, 'און פונקט' האט ער דאס געטראפן פאר צוויי וואכן צוריק, צוועלף יאר שפעטער, זוכנדיג נאך א דאקומענט פון א געשעפט וואס ער האט געמאכט יענעם טאג"...**

דער גביר האט זיך דערמאנט אז ער האט מיר פארשפראכן צו שיקן געלט... ער האט מיר באלד אנגערופן און פארציילט די געשיכטע - פון וואס איך האב שוין לאנג פארגעסן... אבער ער האט געשפירט שלעכט פאר מיר...

"איך שיק דיר יעצט אריבער א באנק טרענספער פון די מעשה פון א ביזנעס וואס כ׳האב יעצט געמאכט".

**דעם קומענדיגן טאג איז אנגעקומען צו ר׳ שמואל פופציג טויזענט דאלער צום חתונה!!!**


נתנדב ע"י

העתקה מכת"י
עריכה
שיפור הלשון
הערות והוספות
תיקונים והגהות
מראה מקומות
מפתחות
סידור ועימוד
הדפסה
כריכה

משובח
845.202.4040
meshibach@gmail.com

בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מקץ - חנוכה תשע"ט | שבת ר"ח טבת | גליון 482 [שנה י"א]

**וואס מיינט ויצא יוסף מלפני פרעה?**

וְיוֹסֵף בֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה בְּעָמְדוֹ לִפְנֵי פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם "וַיֵּצֵא יוֹסֵף מִלִּפְנֵי פַרְעֹה": (מא מו) לכאורה איז א פליאה וואס קומט די תורה צו לאזן וויסן אז יוסף איז ארויסגעגאנגען פון פרעה? נאר עס שטייט אין פריערדיגן פסוק: וַיִּתֶּן לוֹ אֶת אָסְנַת בַּת פּוֹטִי פֶרַע כֹּהֵן אֹן לְאִשָּׁה, און ווען יוסף האט חתונה געהאט האט אים פרעה ארויסגעלאזט פון זיין רשות, ווייל ביז יעצט איז ער געווען א קנעכט, דאס איז דער לימוד פון "וַיֵּצֵא יוֹסֵף מִלִּפְנֵי פַרְעֹה" אויס עבד. (לקחת מוסר הרב ישראל זאב הורוויץ אב"ד איהעל וטבריה)

**פארוואס איז געדאפעלט די לשון השנות און פעמים?**

וְעַל הִשָּׁנוֹת הַחֲלוֹם אֶל פַּרְעֹה פַּעֲמָיִם כִּי נָכוֹן הַדָּבָר מֵעִם הָאֱלֹקִים וּמְמַהֵר הָאֱלֹקִים לַעֲשֹׂתוֹ: (מ"א ל"ב) אלע פרעגן ווי האט פרעה געוואוסט אז יוסף איז ריכטיג פותר? אויך איז זייער שווער ווייל הִשָּׁנוֹת מיינט איבערגעחזר'ט צוויי מאל, און פַּעֲמָיִם מיינט געדאפל'ט אויך צוויי מאל, פארוואס נוצט מען אנדערע לשונות הִשָּׁנוֹת און פַּעֲמָיִם? נאר מען קען טייטשן הִשָּׁנוֹת, מיינט **אנדערש**, [מלשון שׁוֹנֶה מֵחֲבֵירוֹ ער איז אנדערש] ווייל דער ערשטער חלום איז געווען שֶׁבַע פָּרוֹת און דער צווייטער חלום איז געווען שֶׁבַע שִׁבֳּלִים, ווייל די פָּרוֹת איז מרומז אויף חֲרִישָׁה, אקערן, און שִׁבֳּלִים זענען מרומז אויף קְצִירָה, שניידן, דאס ווייזט אז די ביידע חלומות זענען געבונדן: דעריבער האט פרעה געזען אז די פתרון איז ריכטיג, ממילא איז נישטא א כפל לשון, ווייל הִשָּׁנוֹת, מיינט **אנדערש**, אבער געבונדן, און פַּעֲמָיִם, מיינט צוויי מאל, דאס איז געווען די סימן פאר יוסף אז וּמְמַהֵר הָאֱלֹקִים לַעֲשֹׂתוֹ, ווייל דורך די סימנים סיי צוויי אנדערע חלומות געבונדן און אויך דעם איבערחזר'ן צוויי מאל, האט דער אויבערשטער געוויזן אז די פתרון וועט זיין תיכף ומיד. (שמח זבולון געבויט אויף דברי ירמיהו, פלזנברג –תרנ"ח)

**טעם פארוואס מען צינד ל"ו נרות**

איין טעם איז כנגד די ל"ו שעות וואס דער אור הגנוז האט געדינט ביז מען האט דאס באהאלטן, און וואו האט מען דאס באהאלטן? אין די תורה, און עס שטייט אין הייליגן ספר בני יששכר (מאמרי חודש כסלו) אז די יוונים האבן געוואלט מבטל זיין די תורה וואס אין דעם איז דער אור הגנוז, און דעריבער שטייט ל"ו מאל דער לשון אור מאורות און נר אין די תורה, דעריבער איז דא ל"ו נרות, און דער רמז איז אשרי העם שככה ל"ו, די ל"ו נרות עיי"ש, און עס שטייט (מדרש תנחומא פ' נח ד"ה אלה תולדות נח) **אור שנברא ביום א' שגנזו לעמלי תורה שבע"פ ביום ובלילה שבזכותן העולם עומד**, דעריבער איז ל"ו כנגד די ל"ו מסכתות פון ש"ס, און ווייל חנוכה איז געווען די גזירה פון להשכיחם תורתיך, און דאס מיינט אויך תורה שבע"פ דעריבער צינד מען ל"ו נרות כנגד די ל"ו מסכתות, און אויך א קבלה אז מען וועט זיך שטארקן אין לימוד התורה שבע"פ. און לויט דעם בני יששכר פארשטייט מען פארוואס צדיקים האבן געהייסן קוקן אויף די ברענעדיגע ליכט, ווייל דער אור הגנוז לייכט דעמאלטס, ווייל אין דער צייט וואס מען טוט מצות היום, איז נתעורר אלעס וואס איז דעמאלט געשען, און צדיקים טייטשן: בימים ההם, די אורות פון דעמאלטס, בזמן הזה, חזר'ת זיך איבער, דעריבער קען מען אלעס אויספוילן חנוכה. (שמח זבולון תשע"ט)

**חנוכה איז א צייט פון פויעלן גרויסע ישועות**

דער הייליגער ריז'ינער זאגט אז אין חנוכה קען מען פויעלן ישועות פאר זיך מער ווי ביי אלע יו"ט: ווייל אין חנוכה איז אזוי ווי א מלך איז אונטערוועגנס קען מען גרינגער פויעלן ביי אים, ווייל דעמאלטס גיט ער מיט רחמנות, משא"כ ווען דער מלך איז ביי אים אין פאלאץ דעמאלט וואס ער גיט איז דאס נאר מצד פארדינסט. (עירין קדישין)

## פארענטפערן דער קשיא פון ב"י

**א:** עס שטייט אין (ברכות לח.) א שאלה צו מען מאכט די ברכה מוציא לחם מן הארץ אדער המוציא? און די גמ' זאגט פון די ברכות פון מענטש דערקענט מען צו ער איז א ת"ח, און מען מאכט המוציא. און אין די גמ' (שבת כא:) איז דער באוואוסטע מחלוקת ב"ש און ב"ה, ב"ש האלט פוחת והולך און מען הויבט אן די ערשטע נאכט מיט 8 ליכט ביז די לעצטע נאכט צינד מען 1 ליכט, און ב"ה האלט מוסיף והולך און די ערשטע נאכט צינד מען 1 ליכט ביז 8 אין די לעצטע נאכט, די הלכה איז ווי ב"ה, און מען דארף אז יעדע נאכט זאל מען וויסן אז די הלכה איז ווי ב"ה, ווייל א ת"ח איז דערקענטיג פון זיינע מעשים, קומט אויס אויב מען וואלט נאר געמאכט חנוכה 7 טעג וואלט אויסגעקומען אז די פערדע נאכט וועט מען צינדן 4 ליכט סיי לויט ב"ש און סיי לויט ב"ה ווייל **1-2-3-4-5-6-7** אדער **7-6-5-4-3-2-1**- וועט יום ד' זיין 4 נרות, דעריבער האט מען געמאכט 8 טעג צו דערקענען יעדע נאכט אז די הלכה איז ווי ב"ה, דער עטרת זקנים אויפן שו"ע ברענגט דער אבודרהם -ראשון- (או"ח סי' תרע"א ס"ב) אז חנוכה איז נוטריקון ח' נרות והלכה כבית הלל, קען זיין די כוונה אז דאס איז געווען איינע פון די סיבות פארוואס מען האט געמאכט 8 טעג חנוכה, ווייזן אז די הלכה ב"ה. (ספר בת עין מאבריטש צפת)

**והדליקו נרות בחצרות קדשיך אדער אין היכל?**

**ב-ג מען קען זאגן צוויי מהלכים:** אז די יוונים האבן געלייגט אין היכל אסאך ער"ז און טומאות האט מען נישט געקענט צינדן דארטן די ערשטע נאכט, האט מען געמוזט צינדן די מנורה אין חצר און דארט בלאזט א ווינט מער ווי פון היכל וואס איז אינעווייניג, האט מען געדארפט האבן מער שמן פאר צינדן, און עס איז געווען א נס אז עס איז געווען גענוג שמן, אדער קען מען זאגן אז מען האט טאקע געצונדן אין היכל, אבער עס וואלט נישט נתפרסם געווארן דער נס דעריבער האט מען געדארפט אויך צינדן א מנורה אין חצר אז מענטשן זאלן זען די נס, ממילא האט מען געדארפט מער שמן: סיי פארן היכל און סיי פארן חצר, און דער נס איז געווען אז די פך שמן איז געווען גענוג פאר ביידע. און לויט די צוויי מהלכין איז גוט דער נוסח פון על הניסים "והדליקו נרות בחצרות קדשך"! איי מען האט דאך געצונדן אין היכל? נאר לויט די צוויי מהלכים: האט מען געדארפט צינדן אין חצר, דעריבער "וקבעו שמונת ימי חנוכה" ווייל עס איז געווען גענוג שמן. (צירפתי שתי התירוצים ממרן הדברי יואל מסאטמאר זיע"א)

**ד: נס איז געווען פון די פייער פון מזבח**

עס שטייט אין סדר הדורות אז די חשמונאים האבן נישט געהאט פייער אויף די מִזְבֵּחַ און עס שטייט אין מס' (תמיד פ"ו מ"א) שֶׁמִּמֶּנּוּ -פון די מזבח–היה מדליק את המנורה בין הערבים. אבער אֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ איז נישט געווען! און עס איז געווארן א נס אז א פייער האט זיך אנגעצונדן אויף די מִזְבֵּחַ און מען האט געלייגט אויפן מזבח האָלץ און פון די פייער האט מען אנגעצונדן די מנורה, ממילא איז געווען א נס די ערשטע נאכט אויך. (יציב פתגם צאנז)

## מדור העובדות

# דער הייליגער שינאווא רב ברענגט א מאן צוריק מיט די חנוכה ליכט

אין שטאט סערענטש אין אונגארן האט געוואוינט א איד ר' זלמן א ת"ח און א עושר, און האט נישט זוכה געווען צו קינדער, און מיט אסאך תפילות און ברכות פון צדיקים האט ער געהאט א זון חיים חייקל אויפן עלטער, אבער דאס האט אים גורם געווען צו פארלירן זיין עשירות. ר' זלמן האט זיך געטרייסט אין אים און געגעבן א גוטע חינוך, אבער ווען חיים חייקל איז געווען צען יאר אלט איז ר' זלמן נפטר געווארן און אויך זיין מאמע, און חיים חייקל איז געבליבן א יתום אן א חינוך, ר' זלמן פאר זיין שטארבן האט געזאגט פאר זיין זון אז ער איז אמאל געווען א עושר און אלעם פארלוירן אבער איין גאר אלטע מנורה וואס ער האט בירושה איז אים נאך געבליבן וואס מיט מסירת נפש דאס אנגעהאלטן און ער בעט זיין זון ער זאל שטארק אכטונג געבן אויף דעם, און איך ווינטשט אים אז די מנורה זאל שטענדיג באלייכטן זיין לעבן.

די שטאטס לייט האבן רחמנות געהאט אויף אים און מען האט איינגעטיילט צווישן די מענטשן אז חיים חייקל זאל האבן א פלאץ צו זיין, אבער זיך וואנדערן האט אים נישט געשמעקט ביז מען האט געטראפן אין א אנדער שטאט א סטאלער וואס איז געווען מוכן אים אריין נעמען ביי אים אין שטוב און אויסלערנען די פאך. חיים חייקל איז געווען זייער צופרידן און האט שנעל אויסגעלערנט די פאך און געווארן א מייסטער סטאלער און זיין בעל הבית איז געווען זייער צופרידן מיט אים און חיים חייקל האט געטראפן זיין פלאץ.

יארן שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט א גוטע מיידל, אין א אנדער שטאט, און חיים חייקל האט געמוזט דארטן גיין וואוינען, אין יענע שטאט איז שוין געווען אסאך מיינסטער סטאלערס און חיים חייקל האט זיך געמוטשעט אין זיין פרנסה, אבער ווען די משפחה האט געוואקסן איז שוין געווארן זייער שווער, און חיים חייקל האט געזאגט זיין ווייב ער וועט צוריקגיין אויף א צייט צו זיין פריערדיגן שטאט און אזוי קענען מאכן פרנסה און אהיים קומען,

חיים חייקל האט די ערשטער נסיעה געמאכט קיין סערענטש און געגאנגען צו זיין עלטערן'ס קברים און זיך גוט אויסגעוויינט און געבעטן ער זאל מצליח זיין, דערנאך איז ער געפארן פון שטאט צו שטאט און אנגענומען ארבעט און אזוי האט זיין נאמען זיך פארשפרייט ביז ער איז אנגעקומען קיין צרפת, אבער אין צרפת האט ער זיך פארהאנקערט ווייל ער האט נישט געקענט די שפראך, און פון רוב צובראכנקייט האט ער אנגעהויבן צו טרינקען.

דער שענקער האט דערקענט אין חיים חייקל אז ער איז נישט א שיכור און האט אנגעהויבן רעדן מיט אים און האט איינגעזען ווער ער איז און האט גענומען חיים חייקל אונטער זיך און אים געשטעלט פירן זיין שענק. אזוי איז אריבער א שטיק צייט און חיים חייקל האט זיך צוגעוואוינט צום גויעשן לעבן און אלעם אפגעלאזט און פארגעסן פון זיין שטוב, אבער זיין ווייב און קינדער זענען צובראכן ווייל זיי ווייסן גארנישט וואו ער איז אהין געגאנגען, זי פרעגט זיך נאך דא און דארט אבער לאין תכלית.

פונק דעמאלטס האט דער רב פון איר שטאט געדארפט חתונה מאכן און דער רב האט איינגעלאדנט דעם הייליגן שינאווא רב [עלטסטן זון פון הייליגן דברי חיים מצאנז זצוק"ל,] און די גאנצע שטאט איז געגאנגען מקבל פנים זיין דעם שינאווא רב, אבער חיים חייקל'ס פרוי איז געבליבן אינדערהיים פון רוב צובראכנקייט. א שְׁכֵינָה האט באמערקט אז זי איז נישט געגאנגען, האט זי געבעטן איר מאן ער זאל בעטן א ברכה פון שינאווא רב אז איר מאן זאל אהיים קומען צו איר!

דער שינאווא רב האט אויסגעהערט דעם איד און גענומען א זעקל פון געלט און געהייסן דאס איבערגעבן פאר חיים חייקל'ס פרוי. ווען זי האט געזען די געלט האט זי אויסגעבראכן אין א געוויין און האט געפילט אז איינער טראכט פון איר דעריבער איז זי געגאנגען צום שינאווא רב און אים געדאנקט פאר די געלט, אבער זי האט איינגעבעטן אז דאס איז נישט קיין טויש פאר איר מאן, און דער רבי זאל איר העלפן אז איר מאן זאל שוין אהיים קומען! דער רב נעמט זיך טראכטן א לענגערע צייט און רופט זיך אן: דו האסט דאך די מנורה פון דיין מאן, זאלסט זען אז די לעצטע נאכט פון חנוכה זאלסטו זען אז די ליכט זאלן ברענען א גאנצע נאכט און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן!

זי דאנקט דער רבי און גייט אהיים.

דערווייל חיים חייקל ארבעט אין צרפת אין א שענק און איז צופרידן, ווען איינמאל איז ער אראפ אין קעלער נעמען וויין, הערט ער אז איינער גייט אים נאך, און ער זעט א שיינעם עלטערן איד שרייט אים אן פארוואס לאזט ער זיין ווייב זיין א עגונה? פאר שוין צוריק צו איר! דאס האט זיך איבער געחזר'ת עטליכע נעכט און חיים חייקל לאכט זיך אויס, ביז ווען דער איד האט אים אנגעכאפט און אויפגעהויבן און געסטראשעט אויב דו גייסט נישט היינט אהיים גיי איך מאכן פון דיר א הויפן ביינער!

חיים חייקל האט זיך שוין גוט דערשראקן און נעמט זיינע זאכן און זעצט זיך אריין אין זיין וואגן און פארט אהיים. ער איז אין א חלום און א פחד און קוקט אויף גארנישט ער דארף נאר אהיים גיין! דער ווינטער האט געברענגט מיט זיך שווערע רעגנ'ס און קעלט, און סוף כל סוף איז חיים חייקל אנגעקומען אינמיטן דעם פינסטרן און רעגענדיגן נאכט, און די שטאט איז פינסטער, און ער ווייסט נישט וואו צו גיין! אבער פון דערווייטנ'ס זעט ער א שטוב וואס עס איז ליכטיג און איז געפארן אהין און קלאפט אויפן טיר און ווען מען האט געעפענט דעם טיר איז געווארן א שמחת חנוכה: דער טאטע איז דא! די גאנצע שטוב איז געווארן פריילאך און געטאנצט מיטן טאטן.

די מנורה פון זיין טאטע האט אים צוריק געברענגט זכרונות און חרטה געפילן אויף זיין הנהגה. נאך חנוכה זענען זיי געפארן צום שינאווא רב וואס האט זיי געבענטשט מיט הצלחה אין פרנסה און האט געגעבן פאר חיים חייקל א וועג אויף תשובה טאן, און זיי האבן געבויט א שיינע אידישן שטוב צוזאמען זיע"א


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן א שיינע חנוכה מתנה**

אורחות צדיקים ערשטער דרוק פראג שמ"א זייער זעלטן 15000$, סדר היום ערשטער דרוק מיט חתימה המקובל ר' משה חפץ בעל מלאכת מחשבת 4000$ סעט עין יעקב סלאוויטא 2000$, שו"ע אורח חיים בינוני דפוס סלאוויטא הסכמת אוהב ישראל אפטא 1500$, תניא דפוס אלטונא תר"ז זייער זעלטן, דער רבי פון ליובאוויטש האט נישט געהאט דעם תניא 2000$ סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר 3500$ מגן אברהם פון טריסק מיט דעם ברכה און א זעלטענע שיינע מצב מיט גוטע פאפיר 5000$ ערשטער דרוק שושנת העמקים פון טשערקאס און הארניסטייפל 1000$ ספר זוהר הרקיע באלאנגט צו ר' ישעי' מקערעסטיר 15000$ ספר יסוד יוסף באלאנגט צו ר' שלום אליעזר מראצפארט *3000$*, פאפא רב און צעהלימער רב זצוק"ל צוזאמען שרייבן א בריוו צו מחזק זיין תורה 1000$, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר 1000$, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק 900$, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א 2000$, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה 1000$ 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין 3000$ ברית אברהם דפוס ראשון 1500$, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא 5000$, *פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י 3500$*, ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא 4000$ בריוו פון הרה"ק ר' ישראל מהוסיאטין צו זיינע חסידים אין שיקאגו און דאנקט זיי פאר די געלט וואס זיי האבן געשיקט און ווינטשט זיי אן ברכות פאר שידוכים און געזונט און פרנסה,

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

גאר שיינע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן אין פלאסטיק האלטער'ס. אויך פארקויפן מיר האלטער'ס פאר מטבעות **מיר ווינטשן אייך אלע א פרייליכן חנוכה**

אין אידיש

# ויאמר אליהו

שמועסן, און חיזוק ווערטער
אין אמונה און בטחון, און נאך
אויף די וואכעדיגע פרשה

מאת הרב אלי' מאיר סמיט שליט"א

ראה"כ בית אולפנא להוראה » 347-897-9968 \ 058-323-1459

ערב שב"ק פרשת
מקץ-שבת חנוכה
כ"ט כסלו שנת תשע"ט

בס"ד

# חנוכה קומט א מענטש צו צו די קלארע איינערקענונג אז די 'מלחמות' זענען א חלק פון די ישועה!!!

## » די תכלית פון די צרה איז כדי עס זאל ארויסשפראצן פון דעם א ישועה!!

**מיר** זאגן אין די נוסח פון 'על הנסים' - על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשובות ועל המלחמות שעשית לאבותינו.

**און** די גאון רבי שלום שבדרון זצ"ל (אין זיין ספר לב שלום) שטעלט זיך אויפן לשון 'ועל המלחמות' און וואונדערט זיך, פארוואס עפעס לויבן מיר דעם אייבערשטן אויף די מלחמות, צו דען איז דאס א חלק פון די טובה און פון די נסים אז ער האט געברענגט אויף אונז מלחמות.

**נאך** זעען מיר אין די וואכעדיגע פרשה ווי יעקב אבינו האט זיך אפגערעדט אויף די שבטים, פארוואס זיי האבן אויסגעזאגט פאר די משנה למלך אין מצרים, אז זיי האבן געהאט נאך א ברודער, ווי די תורה זאגט (מג, ו) "ויאמר ישראל למה הרעתם לי להגיד לאיש העוד לכם אח".

**און** חז"ל הק' זאגן אויף דעם אין מדרש (בראשית רבה פרשה צ"א אות י"א) ווי פאלגענד: "רבי לוי זאגט בשם רבי חמא בר חנינא, יעקב אבינו האט קיינמאל נישט געזאגט סתם עפעס א זאך, און דער אייבערשטער האט געזאגט, איך ארבעט צו מאכן זיין זוהן פאר א משנה למלך אין מצרים און ער זאגט 'למה הרעותים לי', דאס איז וואס די פסוק זאגט (ישעיהו מ, כו) נסתרה דרכי מה' ומאלהי וגו'", עכ"ל.

**די** גאון רבי ירוחם הלוי לייבוביץ זצ"ל (משגיח ישיבת מיר) שרייבט (אין זיין ספר דעת חכמה ומוסר ח"א סי' ד') א גרויסע יסוד אין די וועג ווי אזוי דער אייבערשטער פירט די וועלט, ווי פאלגענד: "אין מדרש (שמו"ר פרשה כ"א) שטייט, 'וואס מיינט ופרעה הקריב (- ווייל לכאו' וואלט געדארפט שטיין ופרעה קרב), ווייל ער האט דערנענטערט די אידן צו תשובה. און פארוואס האט דער אייבערשטער דאס געטוהן, נאר דער אייבערשטער האט געגלוסט צו זייערע תפילות'."

"**האט** רבי יהושע בן לוי געזאגט, צו וואס איז דאס גלייך, צו א קעניג וואס איז געגאנגען אויפן וועג, און א פרינצעסן האט געשריגן צו איהם 'איך בעט דיר, ראטעווע מיר פון די רויבער', די קעניג האט געהערט און איר געראטעוועט, נאך א שטיק צייט האט די קעניג געוואלט חתונה האבן מיט איר, און ער האט געגלוסט אז זי זאל נאכאמאל רעדן צו איר, אבער זי האט נישט געוואלט, וואס האט ער געטוהן, די קעניג האט אנגערייצט רויבער זאל קומען צו איר, כדי זי זאל שרייען און ער זאל איר הערן, און ווי נאר די רויבער זענען געקומען האט זי זיך גענוצען שרייען, האט די קעניג געזאגט, אויף דעם האב איך געגלוסט, צו הערן דיין קול."

"**אזוי** איז געווען מיט די אידן ווען זיי זענען ארויס פון מצרים, און מען האט זיי אינטערטעניגט, האבן זיי אנגעהויבן צו שרייען וכו', און דער אייבערשטער האט געווארט נאכאמאל צו הערן זייער קול און זיי האבן נישט געוואלט, וואס האט ער געטוהן, האט ער אנגערייצט אין זיי פרעה, אז ער זאל זיי נאכלויפן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'ופרעה הקריב', גלייך האבן די אידן אנגעהויבן צו שרייען צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה' (שמות יד, י)", עכ"ל."

"**פון** די ווערטער פון די מדרש לערנען מיר, וואס איז די ריכטיגע בליק פון א איד אויף אלע צרות און שוועריקייטן וואס ער גייט דורך. מענטשן זענען געוואוינט צו טראכטן אז די סיבה פארוואס מען איז מתפלל, דאס איז כדי מען זאל געהאלפן ווערן מיט אלע זאכן וואס מען דארף האבן. אין אנדערע ווערטער, די מטרה איז די ישועה, און די מיטל צוצוקומען צו דעם איז דורך תפלה. און דאס מיינט אז די בעסטע זאל וואלט געווען אז מען זאל בכלל נישט האבן די צרה, אזוי וואלט מען אויך נישט געדארפט מתפלל זיין."

"**פון** די ווערטער פון די מדרש זעען מיר אבער פונקט דאס פארקערטע, אז די גאנצע סיבה פון די צרות און יסורים איז כדי דער איד זאל לאזן הערן זיין קול צום אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער גלוסט צו הערן די קול פון דעם איד. קומט אויס אז די מטרה איז די תפלה, און די מיטל צוצוקומען צום דעם איז דורך די צרות און יסורים."

**און** רבי ירוחם לייגט צו צו דעם און איז מער מבאר: "די מהות פון תפלה איז דער ענין פון 'ויקרא בשם ה'', אזוי ווי די תרגום טייטשט אויף דעם (בראשית יב) וְצַלִּי בִּשְׁמָא דַה'. און דער ענין פון רופן אין נאמען פונעם אייבערשטן, קען מען פארשטיין פשוט, אז דאס איז אזוי ווי להבדיל א מענטש רופט זיין חבר ער זאל קומען צו איהם, אזוי איז ווען מער רופט דער נאמען פונעם אייבערשטן, מיר רופן אז דער אייבערשטער זאל קומען צו אונז, און זיך געפונען נעבן אונז, וואס דאס ברענגט אאטמאטיש א קדושה און א ברכה אויף יענעם פלאץ, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ (שמות כ, כ), און אלע ישועות און הצלחות וואס מען קען נאר משיג זיין, אלעס קומט דורך דעם וואס דער אייבערשטער קומט צו אונז און רוהט ביי אונז."

"**קומט** אויס, אז די אלע נסים ונפלאות, און די אלע מורא'דיגע בחינות פון אנטפלעקונגען פאר די אידן, און די בחינה פון 'להיות לך לאלקים' און 'להיות לו לעם סגולה', און 'להיות לו לעם לנחלה', דאס אלעס איז געבוירן געווארן און ארויסגעקומען דורך די געשרייען און דאס רופן דעם אייבערשטן בשעת ווען מען איז געווען אין אן עת צרה."

## » די גאנצע מהלך פון די צרה איז א מהלך פון ארויסשפראצונג פון די ישועה!!

**און** ר' ירוחם לייגט צו אויף דעם נאך א שלב, און שרייבט: "אז מען ווייט ארייננגיין טיפער און זיך מתבונן זיין, וועלן מיר זעהן, אז נישט אז די גאנצע צרה איז געווידמעט כדי מען זאל מתפלל זיין, כדי דאס זאל ברענגען די ישועה, נאר די גאנצע צרה דאס אליין איז די ישועה, די גאנצע מהלך פון די צרה איז די מהלך פון די ישועה."

"**דאס** איז צוגעגליכן צו א געוואוקס וואס וואקסט. אזוי ווי ביי א געוואוקס, דארף מען קודם איינזייען און דערנאך שפראצט ארויס די קערנדל און עס וואקסט, און דאס איז די תכלית פון די געוואוקס, און עס קען נישט גיין אנדערש, פונקט אזוי דארף מע פארשטיין די מהלך פון א צרה, אז די מהלך פון א ישועה קומט דורך דעם וואס עס איז קודם דא א צרה, און דערנאך שפראצט ארויס די ישועה.."

"**דאס** איז געווען די מטרה פון אלע צרות וואס אידן האבן געליטן. דאס שיעבוד מצרים און קריאת ים סוף איז אויך געווען אויף דעם אופן פון א איינזייעאונג און א אויסשפראצונג, וואס דורך די צרות פון די שיעבוד, האט ארויסגעשפראצט און געבוירן געווארן די ישועות. און ווי מער מען טראכט אריין אין דעם וועט מען זעהן, אז עס וועט זיין גאר שווער צו וויסן ווי אזוי אנצורופן א צרה, א צרה אדער א ישועה, ווייל די עצם צרה איז שוין א חלק פון די ישועה, אזוי ווי די לשון אין פייט איז 'פון די מכה אליין מאכט ער א באנדאדזש'."

"**כדי** עס ממחיש צו זיין קען מען זיך פארשטעלן, אז ווען מען זעהט עפעס א קלאפ היילט זיך אויס, און עס טוישט זיך די הויט, דעמאלטס איז זייער שווער צו וויסן ווי עס האלט, צו דאס וואס מען זעהט דאס איז נאך א חלק פון די מכה, אדער דאס איז שוין א חלק פון די נייע חלק פלייג און הויט וואס האט זיך שוין אויסגעהיילט. דאס זעלבע איז ביי שוועריקייטן וואס א מענטש מאכט מיט, קען דער מענטש נישט דערקענען צו דאס איז א צרה אדער א רפואה, ווייל זיי זענען אין אמת'ן איין זאך וואס קומט ארויס פון די צווייטע", עד כאן לשונו.

**קוק** נאר אריין אין די פייערדיגע ווערטער פונעם הייליגן רבינו יונה, ווי ער שרייבט אין ספר שער תשובה (שער השני אות ה') ווי פאלגענד: "א מענטש וואס האט ביטחון, דארף זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן אז די טינקעלקייט איז די סיבה און די שורש

געספאנסערט דורך:
AmeriMax INDUSTRIES
Where You Get The Whole PACKAGE
www.amerimaxind.co

פאר די ליכטיגקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אַל תִּשְׂמְחִי אֹיַבְתִּי לִי, כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי (מיכה ז, ח), און חז"ל טייטשן די פסוק (מדרש שוח"ט ה, א) 'ווען נישט איך וואלט געפאלן וואלט איך נישט אויפגעשטאנען, ווען נישט איך וואלט געזעצן אין פינסטערניש וואלט מיר נישט ליכטיג געווארן'", עכ"ל.

**און** דער בעל "פחד יצחק" זצ"ל, ווען ער האט געלערענט די ווערטער פון רבינו יונה, פלעגט ער קלאר מאכן און דריקן, אז פון דעם זעהט מען, אז ווער עס גלייבט נאר אז עס 'גייט זיין גוט', דאס אליין איז נאכנישט קיין שלימות פון קיין ביטחון, ווייל די רבינו יונה פאדערט אז א מענטש זאל גלייבן אז די טינקעלקייט אליין איז א חלק פון די גוט, ווייל נאר דורך דעם האט געקענט צושטאנד קומען די גוטס.

**אזוי** טרעפן מיר אויך אין מדרש שוח"ט (תהלים כב, א) אויפן פסוק למנצח על אילת השחר, ווי פאלגענד: "דאס איז דאס וואס די פסוק זאגט (מיכה ז' ח') אַל תִּשְׂמְחִי אֹיַבְתִּי לִי כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי, דוד האט געזאגט 'למנצח' אויף דער וואס שפרינגט ווי אן אַיִל אין באלייכט די וועלט אין די צייט וואס עס איז טינקל, און ווען באלייכט ער, ביינאכט וכו', און ווען איז טונקל, פון די עלות השחר, די לבנה און די שטערענס און זי מזלות גייען אוועק, אן אין יענע צייט איז די מערסטע טונקל, און דער אייבערשטער מאכט אויפשיינען אין יענע צייט די מארגן שטערנ'ס פון די טונקלקייט, און באלייכט די וועלט וכו', דעריבער שטייט אויף אסתר אילת השחר, ווייל זי האט געמאכט אויפשיינען אויף דער וועלט די ליכטיגקייט ארויס פון די טינקלקייט", עכ"ל.

**און** מען קען מסביר זיין די ווערטער פון די מדרש, לויט די אויבנדערמאנטע רבינו יונה, אז די מדרש מיינט ממליץ צו זיין, אז די ליכטיגקייט שפראצט ארויס פון די שטערקסטע פינסטערניש וואס איז דא.

**און** וואס דארפן מיר א גרעסערע ראיה פון די מעשה פון מכירת יוסף, וואס האט אויסגעזעהן ווי די ערגסטע זאך וואס איז נאר מעגליך, און צום סוף האט מען געזעהן וואס וואספארא טובה עס איז ארויסגעקומען פון דעם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים (בראשית מה, ה).

**און** לויט דעם פארשטייט מען די תביעה וואס דער אייבערשטער האט געהאט צו יעקב אבינו מיט דעם וואס ער האט געזאגט פאר די ברודער 'למה הרעותם לי', ווייל די אלעס וואס איז געשעהן מיט יוסף איז געווען פונקטליך אויסגערעכענט אז יוסף זאל אנקומען צו זיין פלאץ אלץ משנה למלך אין מצרים, און א יעדע טריט און שריט איז געווען אויסגערעכענט אז עס זאל זיין א טובה פאר יעקב און פאר כלל ישראל.

## » די ליכטיגקייט פון משיח וועט אויפשיינען פון די טינקעלסטע פלאץ וואס איז נאר דא!!

**און** לויט דעם איז פארשטענדליך די וואס די גמ' זאגט אין מסכת סנהדרין (צח.) ווי פאלגענד: "רבי יהושע בן לוי האט געטראפן אליהו, און ער האט איהם געפרעגט ווען קומט משיח, האט ער איהם געזאגט, גיי פרעג איהם אליין, האט ער געפרעגט ווי זיצט ער, האט ער איהם געענטפער אז ער זיצט ביים טויער פון שטאט (-רוים) און די סימן פון איהם איז, אז ער זיצט צווישן אסאך קראנקע ארמעלייט, יעדער איינער מאכן אויף און מאכן צו זייער פארבינדענטע שמערצן, יעדער איינער מאכט אויף אלעס און דערנאך פארמאכט אלעס, משיח אבער, מאכט אויף איינס אויף אמאל און דערנאך פארמאכט ער, כדי אז אויב ער וועט הערן אז ער דארף גיין אויסלייזן די אידן, זאל נישט נעמען אסאל צייט ביז ער וועט ענדיגן פארמאכן אלע פארבאנדעדזשירטע שמערצן".

**נאך** שטייט דארט אין גמ' (צח:): "האט רב געזאגט, אויב איז משיח פון די לעבידיגע מענטשן פון דעם דור, איז דאס איינער אזוי ווי רבינו הקדוש, אויב איז ער איינע וואס איז שוין נפטר געווארן, איז דאס איינער אזוי ווי דניאל איש חמודות", און רש"י הק' טייטשט די גמ', "אויב איז משיח איינער וואס לעבט נאך, איז דאס אוודאי רבינו הק' וואס ליידט אסאך יסורים און שמערצן, און איז א חסיד גמור וכו'. און אויב איז דאס איינער וואס לעבט שוין נישט, איז דאס דניאל איש חמודות וואס האט מיטגעמאכט יסורים מיטן ווערן אריינגעווארפן אין א לייבן גרוב, און איז געווען א חסיד גמור", ע"כ לשונו.

**און** דער גאון רבי חיים שמואלביץ זצ"ל (בספר שיחות מוסר סי' יח) פרעגט אויף דעם, פארוואס עפעס זיצט משיח דוקא צווישן ארימעלייט וואס ליידן יסורים און שמערצן און קרענק, און נישט צווישן תלמידי חכמים וואס זיצן אין בית המדרש און לערנען.

**אבער** לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער פארשטייט מען זייער גוט, אז דער וואס ליידט יסורים, אזא איינער איז דבוק אינעם אייבערשטן אסאך מער ווי איינער וואס זיצט נאר און לערנט, וויבאלד ער רופט צום אייבערשטן אגאנצן צייט און גלייבט אז אפי' אין די צרה ליגט די ישועה.

**און** ר' ירוחם לייגט צו אן אינטערעסאנטע געדאנק, און שרייבט ווי פאלגענד: "חז"ל זאגן (סנהדרין צח.) אז משיח גייט קומען אין א דור וואס איז אינגאנצן חייב, פון אזא שטארקע טינקלקייט גייט ארויסגיין אזא גרויסע ליכטיגקייט, קומט אויס, אז אויב אין די גרעסטע טינקלקייט ליגט אזא גרויסע ליכטיקייט, מוז דאך זיין אז אין די טינקלקייט ליגט א גאר גרויסע ליכטיגקייט."

"**און** לכאו' וואלט מען געקענט טראכטן אז משיח וואלט געדארפט קומען אין א דור וואס איז גאר ליכטיג, א דור וואס איז פיל מיט גרויסע צדיקים, אבער מען זעהט פונקט דאס פארקערטע, ער גייט קומען און די טינקעלסטע דור וואס איז נאר דא, א פארנעפלעטע דור."

"**און** ווער וועט זיין משיח, לכאו' וואלט דאס געדארפט זיין, איינע פון די גרויסע צדיקים פון די פריעדיגע דורות, אבער ניין, משיח גיין זיין איינע פון די מענטשן פון יענע דור וואס משיח גייט דעמאלטס קומען, די גדול פון יענע טינקעלע דור."

"**און** בכלל, א יעדע גדול ווערט געמאסטן נאר אקעגן יענע דור אין וואס ער לעבט, און ווען א מענטש דערהייבט זיך העכער ווי די דור אין וואס ער לעבט, אזא מענטש רופט מען אן מיט א ספעציעלע טיטל 'א גדול נישט לויט די דור'. קומט אויס אז משיח וואס וועט זיין די גרעסטע פון יענע פארטינקעלטע דור, ממילא מוז זיין אז די טינקעלקייט איז אזוי גרויס, אז משיח וועט זיין די גרעסטע מענטש דוקא פון די טינקעלסטע דור וואס גייט נאר זיין."

## » דאנקן דעם אייבערשטער סיי אויף די גוטס, און סיי אויף די שלעכטס פון פארדעם!!

**און** לויט דעם איז שוין פארענפערט די שאלה, פארוואס זאגט מען אין די נוסח פון על הנסים די ווערטער 'על המלחמות', ווייל דורך די מלחמה זענען די אידן נתעורר געווארן צו רופן צום אייבערשטען, וואס פון דעם איז טאקע געבוירן געווארן די ישועה, און אן די צרה וואלט נישט צושטאנד געקומען דאס רופן צום אייבערשטן און מען וואלט נישט זוכה געווען צו דעם געוואלדיגן הילף פונעם אייבערשטן, און צו די געוואלדיגע דביקות צו וואס מען איז צוגעקומען דורך די גאנצע מלחמה.

> "...דארף א יעדע מענטש צוקומען צו א ריכטיגע התבוננות צו לויבן דעם אייבערשטן אפי' אויף אלע 'מלחמות' וואס גייען אריבער אויף דעם מענטש, און צוקומען צו די מסקנה אז זיי זענען אויך די מקור פון זיין ישועה..."

**קומט** אויס אז אין די טעג פון חנוכה, וואס חז"ל האבן דאס קובע געווען צו דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן, דארף א יעדע מענטש צוקומען צו א ריכטיגע התבוננות צו לויבן דעם אייבערשטן אפי' אויף אלע 'מלחמות' וואס גייען אריבער אויף דעם מענטש, און צוקומען צו די מסקנה אז זיי זענען אויך די מקור פון זיין ישועה, סיי פון א רוחניות'דיגע בליק – אז דאס ברענגט איהם צו צו א געוואלדיגע דביקות אינעם אייבערשטן, און סיי פון א גשמיות'דיגע בליק – אז דורך דעם קומט מען צו צו אלע ישועות און השפעות טובות.

**אין** מדרש (ויק"ר טז) אויפן פסוק (תהלים נ) זֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי: "ר' הונא בשם ר' אחא זאגט, עס שטייט נישט יכבדנו (-מיט איין נו"ן) נאר יכבדנני, וואס דאס ווייזט אויף א דאפעלטע כבוד".

**און** די כתב סופר איז מסביר די ווערטער פון די מדרש (הובא בס' ילקוט לקח טוב, ויקרא ע' נ), און ער איז מקדים מסביר צו זיין די מאמר חז"ל ארבעה צריכין להודות וכו' (-עס זענען דא פיר וואס דארפן לויבן און ברענגען א קרבן תודה), בדרך כלל זענען מענטשן געוואוינט צו לויבן נאר אויף די נסים וואס איז געטוהן געווארן מיט זיי, און אויף וואס זיי זענען געראטעוועט געווארן פון די צרה, אבער אין אמת'ן דארף מען לויבן נישט נאר אויף די רעטונג, נאר אויף אויף די עצם צרה, ווייל אלעס וואס דער אייבערשטער טוהט איז נאר צום גוטן, ממילא איז אוודאי די צרה אליין אויך א גוטע זאך פארן מענטש, אדער ווייל עס קומט מעורר זיין דעם מעטש צו תשובה, אדער ווייל דאס איז א הכנה פאר עפעס א גוטס וואס גייט ארויסקומען דורך דעם, און חז"ל זאגן דאך שוין חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה.

**קומט** אויס – איז די כתב סופר ממשיך – וויבאלד מען דארף דאנקן אויף די צרה, דארף דער וואס איז מקריב א קרבן תודה, ברענגען די קרבן נישט נאר אויף די רעטונג, נאר אויך אויף די צרה וואס איז געווען פון פארדעם. דעריבער שטייט 'יכבדנני' מיט צוויי נו"ן, צו לאזן הערן אז מען דארף דאנקען דעם אייבערשטער א דאפעלטע דאנק, איינס פאר די צרה און איינס פאר די רעטונג און די ישועה.

# הילולא דצדיקיא

לעילו נשמת אמי מורתי מרת פערל העניא בת ר' יהושע ע"ה - י"ט תמוז תשע"ח

פרשת מקץ – שנה ז' גליון 14 (318)



ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'

לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 0652 678 347, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com

<u>הבהרה</u>: מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די <u>'גאנצע'</u> גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז <u>נישט</u> ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז <u>נישט</u> ערלויבט** צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).


## הרב הקדוש ר' אברהם בן ר' יהודה צבי זי"ע, מסטרטין – מגדולי מנהיגי החסידות – ג' טבת תרכ"ה

**געבוירען**: אין יאר תקס"ה צו זיין טאטע ר' יהודה צבי ברנדווין דער ערשטע רבי פון סטרעטין. **אוועק**: מוצאי ש"ק פרשת מקץ (שבת איז געווען זאת חנוכה) ג' טבת תרכ"ה. **קינדער**: ער האט נאר געהאט טעכטער, צוויי פון די איידעמער האבן געטוישט זייער משפחה נאמען צו בראנדווין אלס אן אנדענק צו זייער שווער. 1) אן איידעם ר' ישכר דב אייכנשטיין פון דולינא, 2) אן איידעם ר' אורי לאנגנער פון ראהטין ממלא מקומו, 3) אן איידעם ר' אהרן לאנדא – בראנדווין פון פלעשטין, 4) אן איידעם ר' פנחס בראנדווין פון ברזאן. **געווען רב**: נאך די פטירה פון דיין טאטע י"א אייר תר"ד האט איבער גענומען די רבנות אין סטרעט **ער ליגט**: אין סטרעטין.

### זיין צדקות

דער צדיק ר' ישראל פון ריזשין האט געזאגט אויף איהם **'ער איז א וואונדערליכע מאן'.**

זיין טאטע האט געזאגט אויף איהם **'אויב איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט נאר צוליב מיין אברהם'ניו, איז מיר גענוג'.**

דער לב שמח פון אלעסק האט זיך אמאל געטראפן מיט ר' אברהם, און דערנאך האט ער געזאגט **'איך האב נישט געוואוסט ווי ווייט עס קומט אהן די גרויסקייט פון דער צדיק פון סטרעטין'.**

צדיקים האבן געזאגט **'קוקען אויף זיין צורה איז א סגולה אויף יראת שמים'.**

### דער בוים דער רשע

**ר' אברהם** פון סטרעטין איז אמאל געפארן אויפן וועג אהיים צו זיין שטאט סטרעטין, ווען אויפן וועג איז מען אריבער א וואלד פיל מיט ביימער. אינמיטן פארן האבן די פערד אנגערירט איינער פון די ביימער און מיט אמאל איז געפאלן אויף די פערד א שטארקע שרעק, ווי זיי האבן זיך שטארק געווארפן אז די פערד מיט די וואגן האבן זיך כמעט איבער געקערט.

**ר' אברהם** געבט א קוק אויף די בוים און רופט זיך אהן **'דער רשע געפונט זיך דען נאך אויף די וועלט?!'**, ווי נאר ער האט געזאגט די ווערטער, איז די הימל פארוואלקנט געווארן, עס האט אנגעהויבן שרעקליך צו דינערן און בליצן מיט שטארקע ווינטן און רעגן, אז די בוים האט זיך צובראכן צו פיצלעך שטיקלך האלץ. די מענטשן וואס האבן דאס אלעס געזען און געהערט האבן זיך שטארק געוואונדערט וואס דא איז פארגעקומען. צו זייער וואונדער האט דער צדיק מסביר געווען אזוי.

**מיין** טאטע דער צדיק ר' יהודה צבי פון סטרעטין איז אין זיינע יונגע יארן געווען א שוחט, ער איז ארום געפארן די דערפלעך צו שחטן בהמות פאר די יודען. אין יענער יארן פלעגט מיין הייליגע טאטע זיך דרייען אין וואלד, ווי ער פלעגט זיך וואלגערן אין די קאלטע שניי, צו פייניגן און אויסלייטערן זיין הייליגע גוף, אזוי ווי די סדר פון אסאך צדיקים.

**איינמאל** בשעת מיין טאטע איז געקומען דא אין וואלד, האט ער זיך אויסגעטוהן די קליידער, עס געלייגט אויף זיין פערד און צוגעבינדן די פערד צו א בוים. אבער אין יענער בוים איז געווען א גלגול פון די נשמה פון א רשע. דער רשע האט אויפגעבינדן די פערד וואס איז געווען צוגעבינדן צו איהם, און די פערד איז אנטלאפן מיט די קליידער פון מיין טאטע. ווען מיין טאטע האט דאס באמערקט, איז ער נאכגעלאפן די פערד אהן זיינע קליידער אין די ביטערע קעלט.

**אינמיטן** לויפן האט ער באגעגנט א באנדע גוים, ווען זיי האבן געזען ווי א יוד לויפט אהן קיין קליידער, האבן זיי זיך גענומען צו איהם, און גאר שטארק אנגעקלאפט דיביינער מיט שטעקענעס, אז כמעט ווי ער איז נישט אוועק פון די וועלט, נאר דער אייבישטער האט רחמנות געהאט אויף איהם און געראטעוועט פון זייערע הענט.

**יעצט** דער בוים איז די זעלבע בוים וואס מיין טאטע האט דעמאלסט באגעגנט מיט די גלגול פון די רשע, און ער האט געוואלט נקמה נעמען אין מיר אויך.

**ב"ה אז דער צדיק איז פטור געווארן פון דער בוים דער רשע.**

### נאכאמאל געדאווענט

די דאווענן פון ר' אברהם איז געווען מיט א וואונדערליכע דערהויבנקייט א געוואלדיגע ברען מיט שטארקייט, און זיין שטארקע קול האט זיך געהערט גאר ווייט, ווי ער האט זיך אויסגעגבטן פאר דער אייבישטער און אויפגעשאקעלט וועלטן אז אלע האבן עס באוואונדערט.

**זיין תלמיד** דער מהרש"ם פון בערזאן האט פארציילט א מורא'דיגע מעשה איבער די גרויסקייט פון די דאווענן פון ר' אברהם פון סטרעטין.

**איין** שבת ווען דער מהרש"ם איז געפארן צו זיין שווער אויף שבת וואס האט געוואוינט אין די זעלבע שטאט פון ר' אברהם פון סטרעטין, האבן די חסידים פון שטאט אפגעמאכט אז שבת צופרי וועלן זיי זיך שטעלן פרי דאווענן ביי זיי אין בית המדרש, דערנאך וועלן זיי מאכן קידוש און עסן, און דערנאך וועלן זיי גיין צו די בית המדרש פון ר' אברהם פון סטרעטין צו קוקען איבער זיין עבודת התפלה ווי ער דאווענט מיט א שטארקע קול.

**אזוי** האבן זיי געטוהן און נאכן מאכן קידוש און עסן, האבן זיי זיך ארויס געלאזט צו די בית המדרש פון ר' אברהם, אבער ווי נאר זיי זענען אנגעקומען אינדרויסן אין די הויף פון די בית המדרש, האבן זיי געהערט ווי דער צדיק זאגט ברוך שאמר מיט א שטארקע קול און גאר א זיסע און שיינע קול, אז עס האט זיי אנגעכאפט א ציטער אז אלע זייערע גלידער האבן זיך געווארפן פון שרעק. מיט א שטארקע ברען זענען זיי געלאפן אין בית המדרש אריין ווי זיי האבן אינגאנצען פארגעסן ווי זיי האלטן בכלל און אז זיי האבן שוין היינט געדאווענט, און זיי האבן זיך פון פריש געשטעלט נאכאמאל דאווענען מיט דער צדיק ביז צום סוף. דאן האבן זיי געזען און געזאגט **'ר' אברהם איז א געטליכער און הייליגע מענטש'.**

דער מהרש"ם איז געווען א בעלזער חסיד, און נאך די פטירה פון דער שר שלום פון בעלזא, איז ער געווארן געקנופט אין געבינדן צו דער צדיק ר' אברהם פון סטרעטין.

### כשרע עסן

**דער** סדר פון ר' אברהם איז געווען אז א יעדעס מאל מען האט איהם געברענגט עפעס צו עסן, האט ער ארום געמישט די עסן מיט די לעפל, און מיט זיין הייליגקייט האט ער געשפירט אויב עס איז דא עפעס א פראבלעם מיט די עסן, צו עס איז זיכער אויסגעהאלטן און כשר צו עסן. אסאך מאל האט ער וואונדערליך אנטפלעקט אז עפעס איז נישט גוט מיט די עסן און ער האט קלאר געזאגט וואס די פראבלעם איז, און שטענדיג איז עס געווען ריכטיג.

### אלעס טובלן

**דער** צדיק האט זיך געפירט גאר הייליג, ער האט נישט גענוצט קיין איין זאך נאר אויב מען האט עס פון פריער געטובלט. נישט נאר כלים פון עסן האט מען געדארפט טובלן, נאר א יעדער איינציגע זאך וואס ער האט גענוצט האט מען צום ערשט געדארפט טובלן אין א מקוה.

**האט** זיך געמאכט אין די יארן וואס ער איז געווען שטארק נישט געזונט און איז געווען גאר שוואך אז ער האט ממש געארנישט געקענט ארויס זאגן פון זיין מויל, האט זיין רעבעצין צוגעגרייט זיין בעט אז ער זאל זיך קענען אראפ לייגן, האבן די חסידים באמערקט אז דער רבי וויל זיך נישט אראפ לייגן אויף די בעט, און ער האט עפעס געוויזען מיט די האנט אויף די בעט. די חסידים האבן נישט פארשטאנען וואס ער מיינט, נאר ווען די רעבעצין האט זיך דערמאנט, אז מען האט געקויפט א נייע לאלעך צו איבער ציעהן די בעט און זי האט עס פארגעסן צו טובלן פאר דער צדיק פאר מען גייט עס ניצען. יעצט האט מען שוין פארשטאנען אז דער רבי האט געשפירט אז מען האט נאכנישט געטובלט די לאלעך און דערפאר האט ער זיך נישט געוואלט אראפ לייגן. די רעבעצין האט געטוישט די לאלעך מיט אן אנדערע וואס מען האט שוין יא געטובלט און דאן האט דער צדיק זיך אראפ געלייגט.

### ליב האבן דער אייבישטער – א יעדער יוד

**דער** צדיק פלעגט טיילן אסאך סגולות פאר יודען צו געהאלפן ווערן מיט פארשידענע ישועות און עס האט געהאלפן און מען האט געזען ביי איהם אסאך וואונדערליכע זאכן ווי יודען ווערן געהאלפן.

איז אמאל געקומען צו איהם א געוויסע צדיק און געזאגט **'רבי, איך הער איז איהר טיילט סגולות פאר יודען וואס העלפט וואונדערליך, איך בעהט אייך געבט מיר א סגולה אויף יראת שמים** (מורא צו האבן פון דער אייבישטער)', האט ר' אברהם געזאגט **'אויף יראת שמים האב איך נישט א סגולה, אבער אויף אהבת שמים** (ליב האבן דער אייבישטער) **האב איך א סגולה'.** האט דער צדיק געזאגט 'זייער גוט, ליב האבן דער אייבישטער איז דאך אסאך חשובער', זאגט ר' אברהם **'ליב האבן א יוד איז א גרויסע סגולה אויף ליב האבן דער אייבישטער, ווער עס האט ליב א יעדער יוד מיט אן אמת, איז זייער לייכט אז ער זאל צוקומען צו ליב האבן דער אייבישטער'.**

### געהאלפן דעם קראנקן

**גאר** גרויס איז געווען זיין ליבשאפט צו א יעדער יוד, ער האט געטוהן וואס ער קען צו העלפן סיי וועלכע יוד.

**א** פרעמישלאנער חסיד איז אמאל געפארן אויף געשעפטן צו די שטאט דורנא, אינמיטן וועג האט איהם אנגעכאפט א שרעקליכע קעלט, אז ער איז שטארק פאקילט געווארן און ער האט זיך געמוזט אפריען פון וועג זיך צו דערווארעמען.

**דער** יוד טראכט ביי זיך **'אזוי ווי איך בין נישט ווייט פון סטרעטין וועל איך אהין גיין צו איבער נעכטיגן, און צופרי ווען איך וועל זיין בעסער וועל איך אהיים פארן'.** ער איז אנגעקומען צו סטרעטין זייער שפעט ביינאכט, האט ער נישט געקענט גיין קיין ערגעץ, איז ער אריין אין בית המדרש און זיך אראפ געלייגט אויפן באנק לעבן די אויוועו. דערווייל איז ער געווארן נאך שוואכער, ער האט געקרעכצט פון ווייטאגן און זיך געווארפן פון יסורים. ר' אברהם האט געהערט די קרעכצן פון דעם יוד, איז ער צוגעגאנגן צו דער יוד פרעגן וואס איז געשען? דער יוד וואס האט נאך קיינמאל נישט געזען ר' אברהם האט ער נישט געוואוסט אז דאס איז דער צדיק פון סטרעטין, און ער האט איהם פארציילט אז ער ציטערט פון קעלט און ער איז אין א סכנה.

ר' אברהם זאגט איהם **'זארג נישט איך וועל טוהן אלעס וואס איך קען דיר צו היילן, אבער שריי נישט ווייל דו קענסט אויפוועקן דער רבי מיט די חסידים וואס שלאפן** (ער האט נישט געוואלט ער זאל כאפן אז ער אליינס איז דער רבי).

ר' **אברהם** איז געווען באקאנט מיט פארשידענע היילונגען און סגולות, האט ער זיך שטארק אפגעגעבן מיט איהם מיט א גרויס ליבשאפט און געטריישאפט, ער האט איהם אויך געברענגט צו עסן און טרינקן אז ער זאל קומען צו די כוחות, דערנאך האט ער איהם געגעבן געהעריג א דעקן מיט קישענעס און צוגעגרייט א בעט אז ער זאל זיך אפרוען געהעריג, און ער איז דארט געבליבן שטיין ביז דער יוד איז רואיג געשלאפן.

**צופרי** האט דער רבי באפוילן אז מען זאל היינט נישט דאווענען אין דער געהעריגע גרויסע בית המדרש, נאר אין די זייט, אזוי אויך זאל מען דאווענען שטיל אז דער יוד זאל זיך נישט אויפוועקן.

**אביסל** שפעטער האט דער יוד זיך אויפגעוועקט ברוך השם געזונט אין פריש, און ער איז צוגעגאנגן צו דער צימער פון דער רבי, איהם צו דערציילן אז ער האט געטרייע חסידים, ווייל איינער פון זיי האט נעכטן ביינאכט זיך גאר שטארק איבער געגעבן פאר איהם צו פילן בעסער אפילו ער האט נישט געוואוסט ווער ער איז. אויך האט דער יוד געטראכט אז נאך אריין גיין צו דער רבי וועט ער אויפזוכען יענער חסיד וואס האט איהם געהאלפן איהם פערזענליך צו באדאנקן.

**דער** יוד איז אריין צום רבי'ן אין שטוב, און ער האט זיך שטארק דערשראקן, ווייל ער האט דערקענט אז נישט מער אין נישט ווייניגער נאר דער רבי אליינס איז דער וואס האט איהם געהאלפן און זיך אזוי געטריי אפגעגעבן מיט איהם נעכטן נאכט.

ווען דער צדיק האט דאס געזען האט ער געזאגט **'בארואיג דיך, ווייל איך בין א רבי בין איך דען פטור פון מצוות? א יעדער איז מחוייב צו העלפן א יעדער יוד'.**

### אן אנדערע קרענק

**אסאך** וואונדערליכע זאכן ווערן דערציילט ווי יודען זענען ביי איהם געהאלפן געווארן. ווען עס איז געקומען צו איהם א יוד אז ער ליידט אויף א געוויסע קרענק וואס מען קען נישט היילן, האט דער צדיק געזאגט **'דו ליידסט נישט אויף יענער קרענק, נאר עס האט אינגאנצן אן אנדערע נאמען'**, און אזוי זענען די יודען געהיילט געווארן.

### געבן אין וואונטשן

**ביי** דער צדיק פלעגן זיך דרייען אסאך ארימע און צובראכענע יודען וואס זענען געקומען בעטן דער רבי זאל זיי העלפן און ער האט זיך מיט א יעדעם עקסטערע אפגעגעבן מיט א געטריישאפט. ווען עס איז געקומען צום צדיק א יוד אז ער האט נישט קיין געלט, האט ער נישט גלייך געוואונטשן נאר צום ערשט האט ער יענעם איהם געגעבן א שיינע נדבה און נאכדעם האט ער יענעם געוואונטשן צו געהאלפן ווערן.

**טאקע** דערפאר האבן די חסידים קיינמאל נישט געבעטן פון זייערע רבי צו געהאלפן ווערן מיט געלט, ווייל זיי האבן געוואוסט אז דער רבי וועט זיי נישט נאר וואונטשן, נאר ער וועט זיי אוועק געבן פון זיי אייגענע געלט ביז צו די לעצטע פרוטה. זיי האבן נאר געבעטן פון דער רבי אז ער זאל משפיע זיין אויף זיי יראת שמים, און טאקע האבן די ברכות געהאלפן, אז די סטרעטינער חסידים זענען געווען באקאנט אלס גרויסע יראי השם.

### נישט ניצען די געלט

**ביי** איהם אין שטוב האט אמאל געהערשט א גרויס ארימקייט אז עס איז ממש נישט געווען וואס צו עסן, איז די רעבעצין אריין אין איהר מאן'ס צימער, און גענומען געלט וואס איז געלעגן אין די תהלים פון איהר מאן, וואס איינער האט איהם געברענגט מיט א קוויטל, צו קענען קויפן עסן פאר די קינדער. ווען דער צדיק האט דאס באמערקט האט ער איהר געזאגט **'יודען ברענגען מיר געלט אז איך זאל דאווענען פאר זיי און זיי העלפן, דערפאר ווילאנג איך בין נישט זיכער אז די יודען זענען געהאלפן טאר איך נישט ניצען די געלט, דערפאר אויב ביסטו זיכער אז דו קענסט העלפן דער חסיד וואס האט מיר געברענגט די געלט, קענסטו עס ניצען, אבער אויב נישט טארסטו עס נישט ניצען און דו דארפסט צוריק לייגן די געלט'.**

**די** רעבעצין האט גלייך גענומען די געלט אין עס צוריק געלייגט אין די תהלים פון ווי זי האט עס גענומען.

### דער אונטישטער חנוכה

**דער** צדיק איז אוועק מוצאי שבת חנוכה. זיין תלמיד ר' יחיאל מעכל היבנער האט געזאגט 'כאטש וואס זיין רבי איז געווען שטארק קראנק און שוואך, דאך אבער האט מען איהם געלאזט לעבן ביז נאך חנוכה, ווייל דער צדיק איז געווען שטארק אין דאווענען און לויבן דער אייבישטער, און ווייל חנוכה איז דאך געשטעלט בעיקר צו לויבן דער אייבישטער, האט מען איהם געלאזט דערלעבן ביז נאך חנוכה צו קענען לויבן דער אייבישטער.

**יענער** חנוכה האט מען טאקע געזען ווי דער צדיק שטרענגט זיך ספעציעל איבער ווען א יעדער נאכט האט ער זיך אנגעטוהן די שבת'דיגע קליינער, און געזינגן און געדאנקט דער אייבישטער מיט א גרויס ברען און א שטארקע כח.

(מקורות: הילולא קדישא ועוד)

## א מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

**עס** איז אמאל געווען א פריץ וואס האט זייער פיינט געהאט דער הייליגע בעל שם טוב או ער האט איהם געוואלט הרגענן חלילה. איין טאג איז דער בעש"ט אנגעקומען צו דער הויז פון א געוויסע חשובע האר ווייל דער בעש"ט האט געדארפט עפעס וויכטיג רעדן מיט איהם. אין יענע רגע איז אויך אנגעקומען די פריץ צו די הויז פון דער חשובע האר, ווי נאר דער האַר האט געזען דער פריץ האט ער זיך געזעגנט מיט דער בעש"ט און ער האט אריין גענומען דער פריץ צו זיך און שטוב ווי ער האט איהם שטארק מכבד געווען און זיי האבן אדורך געשמועסט אפאר זאכן.

**דער** האר וואס האט געוואוסט אז דער פריץ האט פיינט דער בעש"ט, האט דער האר וואס האט אויך נישט שטארק ליב געהאט דער הייליגע בעש"ט האט ער געפרעגט דער פריץ פארוואס האט ער גארנישט געטוהן צו דער בעש"ט וואס איז יעצט דא געווען? האט דער פריץ געזאגט 'איך האב איהם אפילו נישט געזען דא שטיין'. ווען דער פריץ האט געהערט אז דער בעש"ט איז יעצט דא געווען און ער האט איהם אפילו נישט געזען האט ער פארשטאנען אז דער בעש"ט איז זייער א הייליגע מאן, איז ער איהם געגאנגן איבערבעטן, און ער האט מער נישט פרובירט איהם צו טוהן שלעכט'ס.

# וואונדערליכע מעשיות
# פון הייליגען ”בני יששכר” פון דינאב

זיין זכות זאל אויף אונז מגין זיין

פונעם ספר ”עטרת צבי וגדולת דוד”

פשעמישל תרפ”ג






## אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא פוּן רֶבִּי ר’ הִירְשׁ מֵלִיךְ זצ”ל בְּעֵת עֶר אִיז גְעגַאנְגְען קֵיין לוּבְּלִין

דֶער רֶבִּי ר’ הִירְשׁ מֵלִיךְ זצ”ל אִיז גֶעגַאנְגֶען צִים לוּבְּלִינֶער רֶבִּין זצ”ל, דִי נְסִיעָה פַאר צֵייטִינְס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט וָואכֶען לַאנְג, דֶער רֶבִּי ר’ הִירְשׁ מֵלִיךְ ז”ל בִּשְׁעַת עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִיז אִיהְם אַנְגֶעפַאלֶען אֵיין גִידַאנְק אִין אָנְגֶעהוֹיבֶּען צִי קְלֶערִין פִין וֶועלֶעכֶען שֵׁבֶט עֶר קִימְט אַרוֹיס, אִיהְם הָאט זִיךְ נָאר גִידַאכְט דָאס עֶר קִימְט אַרוּיס פִין שֵׁבֶט יִשָּׂשׂכָר, אִין אַזוֹי דֶעם גַאנְצֶען וֶועג גִיגַאנְגֶען אִין פַאר טְרַאכְט אִין דֶעם רַעֲיוֹן, בִּיז עֶר אִיז אַרֵיין גֶעקִימֶען צִים רֶבִּי’ן קֵיין לוּבְּלִין.

ווִיא דֶער רֶבִּי הָאט אִיהְם שְׁלִישִׁי גֶעגֶעבְּן, הָאט עֶר אִיהְם תֵּיכֶף גִיזָאגְט:

”וָואס הָאסְטוּ בּעדַארְפְט אַזוֹי לַאנְג קְלֶערִין פִין וֶועלְכֶען שֵׁבֶט דִיא קִימְסְט אַרוֹיס אִין סְ’אִיז בֵּייא דִיר אַ סָפֵק אוֹיבּ פוּן שֵׁבֶט יִשָּׂשְׂכָר, זָאג אִיךְ דִיר בִּלְתִּי שׁוּם סָפֵק, קִימְסְט אַרוֹיס בְּוַדַאי פוּן שֵׁבֶט יִשָּׂשְׂכָר”.

דוּרְךְ דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי ר’ הִירְשׁ מֵלִיךְ אַנָאמֶען גֶעגֶעבְּן זֵיין סֵפֶר ”בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר”.

זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן.

* * *

דִי מַעֲשֶׂה אִיז מְקוּבָּל מִיט נָאךְ אַ פָּאר הוֹסָפוֹת מִיטָן שַׁייכוּת צוּ דִי יוֹם טוֹב פוּן חֲנוּכָּה, דֶערְפַאר וֶועלַן מִיר בְּרֶענְגֶען דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט פַארְצֵיילְט אוּן דֶעם סֵפֶר ”בֵּית שְׁלֹמֹה”.

דֶער טַעַם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער רֶבִּי ר’ הִירְשׁ מֵלִיךְ הָאט אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען פַאר זֵיין סֵפֶר ”בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר” אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ אַ מַעֲשֶׂה, אֵיין מָאל וֶוען עֶר אִיז גְעפָארֶען צוּ זֵיין הֵיילִיגֶען רֶבִּין דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי”ע, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בֵּיים וֶועג אוּן גֶעוָואלְט ווִיסֶען פוּן וֶועלְכֶען שֵׁבֶט עֶר קוּמְט אַרוֹיס, אוּן ווִיבַּאלְד אַז אַלֶעמָאהְל וֶוען עֶס קוּמְט אָן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה פִילְט עֶר אוּן זֵיין זֶעל גָאר אַ גְרוֹיסֶע תּוֹסֶפֶת פוּן קְדוּשָׁה גָאר וואוּנְדֶערְלִיךְ, אוּן פוּן וַואנֶעט קוּמְט צוּ אִים דִי גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה, וֵוייל דאס קָאן נִישְׁט זֵיין אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים כֹּהֲנִים, וֵוייל עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט קֵיין כֹּהֶן.

אוּן נָאךְ אַסַאךְ אַרֵיינְטְרַאכְטָן הָאט הֶער בֵּיי זִיךְ בַּאשְׁטִימְט אַז וֶוען עֶר וֶועט זֵיין אִין לוּבְּלִין וֶועט עֶר פְרֶעגָן זֵיין רֶבִּין אוֹיף דֶעם, עֶר זָאל אִים זָאגָן דֶעם גְלֵייכָן אֶמֶת מִיט זֵיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס עֶר קֶען זֶען פוּן אֵיין הֶעק וֶועלְט צוּם צְוֵוייטָן הֶעק, אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטוּבּ פוּן זֵיין רֶבִּין דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה, נָאךְ פַאר וֶוען הֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גְלֵייךְ גֶעזָאגְט:

”דִי שְׁטַאמְסְט פוּן שֵׁבֶט יִשָּׂשְׂכָר, אוּן דָאס וָואס דִי פִילְסְט אַזַא גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה חֲנוּכָּה דָאס אִיז וִויבַּאלְד אַז דִי בִּיסְט גֶעוֶוען פוּן דִי בֵּית דִין פוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים”.

דֶערְפַאר הָאט עֶר נָאכְדֶעם גֶערוּפֶען זֵיין גְרוֹיסֶען הֵיילִיגָן חִיבּוּר וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דִי מוֹעֲדִים אִין הַיילִיגֶע זְמַנִים מִיט דֶעם נָאמֶען ”בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר”.

עובדא זו ידועה ומקובלת אצל כל שוחרי תורת החסידות בכלל ותורתו של רבינו בפרט, ורמז לזה מצינו כבר בספרו הקדוש של רבינו "בני יששכר", כמ"ש נכדו הגה"ק ממונקאטש בשו"ת מנחת אלעזר (ח"ה ס"ה) בזה"ל:

"לאשר אנחנו מאמינים בני מאמינים ברוח הקודש של החוזה הנודע וצופה למרחוק רבינו הקדוש הגאון מוה"ר יעקב יצחק זי"ע הרבי מלובלין, שהגיד לזקנינו הגה"ק זי"ע בעל בני יששכר שהוא משבט יששכר, ועל שם זה טובא גנוז בגויה שיסד שם ספרו בני יששכר, וכן נראה שם מאמרו לחנוכה שקראו שרי בישכר עיי"ש בהקדמתו למאמרו, וכן בהקדמת הרה"ק מלאנצוט זי"ע הוא זקני בעל יודעי בינה עה"ת כמפורש שם, ולאשר כתוב ויתילדו על משפחותם לבית אבותם בדור אחר דור זכרים".

והנה לפנינו לשון קדשו של רבינו בהקדמתו למאמר "שרי בישכר" שם נרמז עובדא זו:

"להיות קביעות המועד ותיקון ההודאה וציווי אמירת ההלל ומצות נר חנוכה לדורות עם כל הלכותיה {המבוארים בגמרא בבלי וירושלמי ומדרשים} הכל נעשה על ידי בעלי רוח הקודש בית דינו של חשמונאי סנהדרי גדולה שהיו בימים ההם בזמן הזה {עיין ביוסיפון}, והנה ידוע רובם של סנהדרין משבט יששכר עמוד התורה והם הם היודעי בינה לעתים, על כן אדבר בזה המאמר מענין תולדות ולידת יששכר אשר נ"ל שהיה זמן תולדתו בחנוכה כאשר יתבאר בפנים אי"ה".

ואכן גם בנו של רבינו הרה"ק ר' אלעזר מלאנצהוט זי"ע הלך בעקבותיו של רבינו בקראו שם ספרו "יודעי בינה", כאשר כתב בהקדמתו בזה"ל:

"וקראתי שם חיבורי חלק זה בשם "יודעי בינה", כי ידוע לתלמידי מרן אשר כבוד אאמ"ו קרא שם ספרו "בני יששכר", כי רבו המובהק אשר מפורסם לבעל רוח הקודש [הוא אדומו"ר הקדוש זצללה"ה מלובלין] חזה ברוח קדשו שהוא משבטו של יששכר, וכשחזה ביה כדרכו בקודש אמר שהוא חזיון טוב, לזאת אני הקטן מתלמידיו דעתי לקרות שי"ב [שמו יודעי בינה] כמבואר 'ומבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל'".

---

בספר "בית שלמה"[1] (מאמר ראש צורים הערה א) מביא עובדא זו בהרחבה:

הטעם אשר קרא הקדוש את ספרו בשם "בני יששכר" היא על פי מעשה, אשר פעם אחת בנסוע מרן מוה"ר צבי אלימלך לבית רבו רבינו הקדוש החוזה מלובלין זי"ע, חישב על הדרך בינו לבין עצמו, ונפשו חשקה לדעת מקור מחצבתו מאיזה שבט הוא, ולהיות בהגיע תור יומי דחנוכה תמיד הוא מרגיש בנפשו תוספת רגש נעימות קודש עד להפליא, ומאין לו זאת, כי אי אפשר שהוא מגזע החשמונאים באשר הוא איננו כהן מבית אבותיו, וברוב שרעפיו בקרבו דימה בנפשו כי בהיותו בלובלין ישאל את פי רבו על ככה, להגיד לו יושר דברי אמת ברוח קדשו הצופה מסוף העולם ועד סופו, והנה בבואו לבית החוזה הקדוש, והוא עוד טרם ישאלוהו, פתח הרבי הקדוש להגיד לו להקדוש ר' צבי אלימלך, כי מקור מחצבתו הוא משבטו של יששכר, ומה שהוא מרגיש תוספת קדושה יתירה בחנוכה הוא, לאשר הוא בעצמו היה מבית דינו של חשמונאי, עד כאן תוכן דברי קדשו, על כן קרא אחר כך חיבורו הגדול והקדוש על המועדים וזמני קודש בשם בני יששכר.

ובספר אלף כתב (אות תשנו) מביא עובדא זו בשם נו"נ רבינו הרה"ק מוה"ר אלעזר אלימלך וואלדמאן זצוקלל"ה[2] בכמה שינויים:

אחד מעירו [של הבני יששכר] ריבאטיץ נסע עם אנשים סוחרים שנסעו להרה"ק החוזה מלובלין, וראה כי נותנים קוויטל הנכתב על ידי הגבאי, אמר לעצמו הרי הרב בעירנו יש לו כתב נאה אביאה גם אני קוויטל הנכתב מיד הרב ועשה כן, וכאשר ראהו הרה"ק החוזה דלובלין, אמר להסוחר הנ"ל תביא לי קוויטל מהרב אשר כתב קוויטל שלך, ישלח לי קוויטל אשר בו יהיה נכתב מבוקשו של הרב עצמו, והביא הסוחר זאת גם כן, ואמר הרה"ק דלובלין רצוני לראות גם את הרב עצמו, ותמיד הזכיר הקדוש בעל בני יששכר שבעניני חנוכה אל ישאלו אצלו כלל, כי נפתחו אצלו מעייני החכמה דחנוכה כל כך עד שאין מוחו כמעט יכול להכילם, ותמיד חקר בעצמו אם איננו כהן באשר השפעתו בחכמה עצומה כל כך בעניני חנוכה, וכבואו לחדר הרה"ק דלובלין הכניסו בכבוד גדול ורוב אהבה, ואמר אליו, כבודו איננו כהן, אלא נשמתו היא מנשמות הסנהדרין שהם משבט יששכר אשר היו סנהדרי החשמונאים, ולזאת נשפע עליו כל כך שפע בעניני דחנוכה.


א הארציגע בקשה צו אונזערע טייערע לייגער!!

וויבאלד מיר האבן גענומען אויף אונז דעם עול איבער צודריקן די מעשיות פונעם אלטען ספר "עטרת צבי וגדולת דוד" אויף גאר א שיינעם פארנעם, און אויך מברר זיין די מקורות פון יעדע מעשה און די פערשידענע נוסחאות וויאזוי די מעשה איז מקובל, און ברוך השם אז דער גליון איז נתקבל געווארן מיט גאר שטארק שעצונג ביי טאזענטער יודען איבער די גאנצע וועלד, אבער עס קאסט אונז אפ שווערע געלטער, און כדי צו קענען אן האלטען ווייטער מוזן מיר צוקומען צו אייער הילף .

דעריבער בעטן מיר אייך ביטע נעמט א טייל אויף א וואך/חודש אדער איבער דיא גאנצע יאר, און זיכער אין זכות פון הייליגען בני יששכר וועט איר געהאלפען ווערן מיט אלעם גוטען בבני חיי ומזוני רויחי און א סאך הצלחה מיט סייעתא דשמיא.


1. תולדות נכד רבינו הרה"ק ר' שלמה ממונקאטש זי"ע, נדפס בשנת תרפ"ח בהסכמת נכדו הרה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע:

2. בן הרה"ק ר' ישראל שמעון מאיר וואלדמאן אבד"ק בארשא, חתן הרה"ק ר' שמואל שפירא מפרעמיסלא בנו של רבינו בעל בני יששכר זי"ע:


צו נעמען א טייל אין דעם זיכוי הרבים ביטע רופט 0527661270
אדער אין אימייל 7661270@gmail.com

# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

וישלח
תשע"ט לפ"ק
גליון מ"ה

## שאלה

**פארוואס טראגן מיר א שווארצע הוט, מער ווי סיי-וועלכע אנדערע סארט הוט? וואס איז דער גרויסער עסק מיט א שווארצע הוט?**

## ענטפער:

זייער א גוטע שאלה. און דער ענטפער איז אז אויב אלע בני תורה וואלטן געטראגן געהלע היטן, וואלטן מיר אלע געדארפט טראגן געהלע היטן. די קאליר איז נישט אזוי וויכטיג. די הויפט נקודה איז זיך צו אידענטיפיצירן מיט די בני תורה, מיט די פרומע אידן. א שווארצע הוט איז אן אויסטערלישער זכות.

ווען א אינגל קומט אן צו זיין בר מצוה באקומט ער א פאר תפילין, וואס קאסט פינף, זעקס אדער זיבן הונדערט דאלאר – און אפילו מער פון דעם. און ער באקומט אויך א שווארצע הוט. פאר מיר, איז די שווארצע הוט גארנישט ווייניגער ווי תפילין! גארנישט ווייניגער. די שווארצע הוט ווייזט אז "ושים חלקינו עמהם" – איך וויל מיין חלק, מיין גורל אין לעבן זאל זיין אינאיינעם מיט די פרומע, אינאיינעם מיט די צדיקים. עס איז מורא'דיג וויכטיג. ושים חלקינו עמהם! איך וויל זיין צוזאמען מיט זיי! עס איז זייער וויכטיג צו דעמאנסטרירן אז דו טוסט זיך אידענטיפיצירן מיט די בני תורה, מיט די פרומע אידן. און דערפאר, איז א מורא'דיגע דערגרייכונג צו טראגן א שווארצע הוט. ווען א בחור אין אונזער שול טוט אן א שווארצע הוט, גיב איך אים א גרויסן מזל טוב, פונקט ווי ווען ער טוט אן תפילין. אזוי וויכטיג איז עס.

דערפאר, זאלט איר נישט פארפאסן דעם געלעגנהייט. יעדעס מאל איר טוט אן אייער הוט, זאלט איר טראכטן, און עס ארויסזאגן הויעך, "ושים חלקינו עמהם." אבער געב אכט אז דיין מאמע אדער ווייב זאלן נישט הערן. זי קען טראכטן אז עפעס האט פאסירט מיט דיר... אבער זאג עס הויעך, "א דאנק דיר באשעפער פאר'ן מאכן מיין חלק צווישן די פרומע אידן."

און א ווייב און א מאמע אדער א שוועסטער זענען גארנישט ווייניגער. סיי-ווען זי זעט איר מאן, איר זון, אדער איר ברודער אנטון א שווארצע הוט, זאל זי זאגן צו זיך, "ברוך השם, מיין חלק איז צווישן די פרומע, די צדיקים פון כלל ישראל. יא! טראגן א שווארצע הוט איז א געוואלדיגע דערגרייכונג.

## שאלה

**וועלכע שאלות וועט מען פרעגן אין הימל פאר פרויען נאך די הונדערט און צוואנציג, ביים דין וחשבון?**

## ענטפער:

איך ווייס נישט וואס מען גייט סיי-וועם פרעגן, חוץ פון אפאר שאלות, און די זעלבע פראגעס זענען גילטיג פאר יעדן. איין פראגע איז "נשאת ונתת באמונה" – צו האסטו געהאנדלט ערליך? און ערליך מיינט נישט וואס "דו" רופסט ערליך; נאר וואס דער שולחן ערוך חושן משפט רופט ערליך. אויב ביזטו א ספרים-בינדער, צו האסטו געקלעבט אלע בלעטער אויפ'ן ריכטיגן פלאץ? אדער דו האסט אויסגעלאזט אפאר פלעצער? ווייל אויף טויזנטער ביכער מאכסטו אסאך געלט, און אויב דו לאזט אויס בלויז איין בלאט, וועסטו זאגן, וואס איז דער פראבלעם, בדרך כלל איז עס גוט? ניין, ניין... אויב דו האסט דורכגעלאזט אפילו די קלענסטע זאך, דאן וועסטו דארפן געבן אן ענטפער אויף דעם, דו וועסט דארפן קענען מסביר זיין וואס עס האט פאסירט!

און ביזנעס איז די שווערסטע זאך פון אלעם. ס'איז שווערער צו זיין גראד אין ביזנעס ווי צו האבן א כשר'ע קאך, ווייל דער חושן

משפט איז נאך גרעסער און מער קאמפליצירט ווי דעם יורה דעה, און מענטשן ווייסן נישט.

צו זיין ערליך אין ביזנעס איז וויכטיגער ווי צו האבן א כשר'ע קאך. זיכער, אויב דו האסט נישט קיין כשר'ע הויז, דאן איז דיין ערליכקייט אין ביזנעס גארנישט ווערד, ווייל עס מיינט אז דו ביזט אן ערליכער איטאליענער, נישט קיין ערליכער איד. אן ערליכער איד איז א איד וואס האלט כשרות און גלייבט אין הקדוש ברוך הוא, ער איז ערליך וויבאלד הקב"ה פארלאנגט עס.

ערליכקייט אין ביזנעס איז א העכסט-וויכטיגע פארלאנג, און דו גייסט ווערן געפרעגט וועגן דעם "נשאת ונתת באמונה," און נישט וואס "דו" טראכסט אז ס'מיינט באמונה, נאר וואס השי"ת האלט אז ס'איז באמונה.

און די קומענדיגע שאלה איז "עסקת בפרי' ורבי'" – ביזטו געווען פארנומען צו האבן קינדער? אויב נישט, וועסטו האבן זייער א רויטע פנים. איז דיין הויז געווען פול מיט קינדער? זענען זיי דיר געגאנגען אויף די געהירן?... אזוי זענען קינדער. קינדער מאכן משוגע די עלטערן, און אויב האסטו חלומות פון א שטילע און רואיגע הויז, וואו אלעס איז אויפ'ן פלאץ, דאן ווייסטו נישט וויאזוי א הויז דארף אויסצוקוקן.

א הויז איז א פלאץ וואו קינדער טאמבלען און צעברעכן זאכן און מאכן דיר "משוגע", און דאס איז "נארמאל"! און פאר דעם באקומסטו גן עדן. א פרוי וואס האט "צער גידול בנים – אינו רואה פני גיהנום", זי וועט אפילו נישט זעהן דעם גיהנום. הקב"ה זאגט, זי האט עס שוין געהאט!

אבער ס'איז נישט ממש אזוי, ווייל זי האט עס געהאט צוזאמען מיט גן עדן. בשעת זי האט אפגעווישט וואס א קינד וועלכער האט ארומגעוואקט מיט דייפערס האט איבערגעלאזט אויף דער ערד, האט זי עס געטון מיט ליבשאפט; א מאמע האט ליב זיך אפצוגעבן מיט א קינדער-געבענטשטע הויז. און הקב"ה מיט זיין גרויס חסד וועט עס פאררעכענען ווי גיהנום. דעריבער, די וועלכע ליידן פון צער גידול בנים אינו רואה פני גיהנום – זיי וועלן ניטאמאל קוקן אויפ'ן גיהנום, אפילו נישט פון דערווייטנס.

אבער ס'איז דא נאך אסאך זאכן וואס מען וועט פרעגן; יעדער איינער וועט דארפן ענטפערן, מענער און פרויען. דערפאר זאל קיינער נישט טראכטן אז מען גייט זיי פארשוינען ביים יום הדין, בלויז ווייל זיי דארפן נישט לייגן תפילין; ס'איז דא זאכן וואס זענען סך מער ערנסט ווי תפילין.

## שאלה

**דער סאטמארער רב שרייבט אין זיין ספר (על הגאולה ועל התמורה, סימן ז') אז אסאך מאל באקומט דער שטן און אפיקורסים א כח צו מאכן נסים כדי פארמישן די מאסן. קענט איר עס ערקלערן?**

## ענטפער:

דאס איז נישט קיין נייער געדאנק. אייגנטליך שטייט עס אפן אין די תורה. אין פרשת ראה לייענען מיר "כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום" – ווען עס וועט אויפשטיין צווישן דיר א נביא אדער איינער וואס חלומ'ט חלומות, "ונתן אליך אות או מופת" – ער וועט דיר געבן א סימן אדער א וואונדער, "ובא האות או המופת אשר דבר אליך לאמר, נלכה אחרי אלהים אחרים אשר לא ידעתם ונעבדם" – און עס וועט טאקע געשעהן דער סימן און דער וואונדער וואס ער האט דיר געזאגט, און ער וועט דיר זאגן לאמיר גיין נאך די אנדערע אפגעטער וואס דו ווייסט נישט, און לאמיר זיי דינען.

איז וואס זענען מיר דא? אז דער מענטש זאגט עפעס פאר, אדער ער מאכט עפעס א וואונדער, א נס, און די נבואה ווערט טאקע מקוים; און נישט מער און נישט ווייניגער, די תורה זאגט "לא תשמע אל דברי הנביא ההוא או אל חולם החלום ההוא" – איר זאלט נישט אויסהערן די ווערטער פון דעם נביא, דער דער חלומות-זאגער, "כי מנסה ה' אלקיכם אתכם" – ווייל דער אויבערשטער פרובירט אייך אויס. איז זענען מיר אז הקב"ה ערלויבט אז ס'זאל געשען א נס, פאר די מטרה צו שטעלן א נסיון פאר די מענטשהייט. און דאס איז פאר די תועלת פון די ערליכע וועלכע טוען ביישטיין דעם נסיון, און קענען דעמאנסטרירן "הישכם אוהבים את ה' אלקיכם בכל לבבכם ובכל נפשכם" – צו האט איר ליב השי"ת מיט אייער גאנצן הארץ און זעל? האט איר אים בלויז ליב האלבוועגס און מען קען אייך ארומשטיפן און פארמישן דורך א נס? אדער איר האט אים ליב מיט'ן גאנצן הארץ און איר קענט ביישטיין דעם נסיון?

זענען מיר אז עס קען געשען אז אן אפיקורס זאל דורכפירן א נס. עס מיינט נישט אז דאס האט יעצט פאקטיש פאסירט, עס קען אבער קלאר זיין אזא זאך. און דער ציל – אויב עס געשען – איז אויסצופרואוון די ערליכע "צו האט איר ליב השי"ת מיט אייער גאנצע הארץ און נשמה?"

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

בס"ד

גליון פ' - **וישב** - תשע"ט לפ"ק

# מודה אני...

לקט רשימות רעיונות

## התחזקות באמונה ובטחון וקבלת יסורים

מהרה"ח ר' **מרדכי יצחק**

בן **פיגא יהודית** **סאמעט** הי"ו

בעת אמירת **"מודה אני"** מידי יום ביומו

בבית הכלא

מיוחד למערכת להתענג

## מהנעשה ונשמע

## נייעס פון טורמע

### פארשידענע נייעס מהנעשה והנשמע:

### ב"ה היינט באקומען דער ערשטער טעלעפאון רוף...

ווי באקאנט האט מען צוגענומען פון הר"ר מרדכי יצחק פאר פיר חדשים צוריק דעם רעכט פון רופן אויפן טעלעפאן, (וואס די אנדערע עונשים ווי וויזיט'ס האט מען שוין נאך 3 וואכן צוריק געגעבן), ב"ה היינט כ"א כסליו האט זיך געענדיט די פיר חדשים, און דער שרייבער פון די שורות האט שוין באקומען א "לעבעדיגן טעלעפאן רוף" פון הר"ר מרדכי יצחק, ווי מען האט זיך צוזאמען געפרייט אז ב,ה מען איז אריבער די שווערע צייט מתוך אמונה ושמחה!

### "שיעור" עיון דורך הר"ר שאול קליין שליט"א

אין די חרדישע חינוך וועלט, און אין די עסקנות וועלט איז ברייט באקאנט דער נאמען פונעם לעגענדארן עסקן, און חינוך-ריז, דער טאלאנטפולע שריפטשטעלער און יעדן נפלא, דער חכומי דיהודאי **מוה"ר שאול קליין שליט"א**, וואס זיין פערזענליכקייט אין זיין נאמען זאגט שוין זייער אסאך, פאר בערך א חודש צירוק האט הר"ר שאול אראפגענומען פון זיין טייערע צייט און האט מקדיש געווען איינס פון די "קורצע ווינטער פרייטאגס" איז געגאנגען פארזענליך באזיכן הר"ר מרדכי יצחק, איהם מחזק צו זיין, און צו זעהן וואס מען קען טוען איהם ארויסצוהעלפן, - דער רושם פון דעם באזיך איז געווען גאר שטארק, הן פאר הר"ר מרדכי יצחק וואס האט זיך מחיה געווען צו באקומען אזא חשובער גאסט, אבער צוגלייך איז געווען דער קעגנזייטיגער רושם וואס הר"ר מרדכי יצחק האט געמאכט אויף הר"ר שאול, ווי ער איז מורא'דיג נתפעל געווארן צו זעהן א איד וואס שמאכט שוין אין טורמע קרוב צו 18 יאר, ולא כהתה עינו ולא נס ליחו, און ער איר מלא אמונה ובטחון און האפענונג.

אזוי ווי הר"ר שאול קליין האלט אן א וועכנטליכער קאלום אויפן פאפולערן נייעס אנגעטור "קול מבשר" מיטן נאמען "חצי שיעור", וואס מען קען אייגענטליך אנרופן "שיעור עיון" צוליב וואס יעדע זאך ווערט דארט צולייגט מיט גרויס עיון, אין די לעצטע צוויי וואכן האט הר"ר שאול אויסגעניצט די געלעגנהייט און אנגעהויבן רעדן פון הר"ר מרדכי יצחק, ווי ער ברענגט ארויס סיי דער פערזענליכקייט פון הר"ר מרדכי יצחק, און ער שפארט נישט קיין ווערטער אויפצוועקן כלל ישראל אז מען זאל טוען כל מה שבידינו איהם צו באפרייען, מען קען דאס הערן אויף "קול מבשר" # 3 - 9 - 1, שמעו ותחי נפשכם!



בס"ד

**ברכת והרגשת קודש**

**של כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א**

**אחר קבלת המכתב מאת האסיר המפורסם**

**ר' מרדכי יצחק סאמעט שליט"א**

**שכותב אודות מכתבים שמקבל בכל שבוע מהמלמד הרב יוחנן בייער הי"ו**
**שכותב עם תלמידיו בתלמוד תורה תוי"י דחסידי סקווירא - מאנטריאל**
**ג' ויצא תשע"ט לפ"ק**

**איך האב שטארק הנאה צו הערן, אז דער איינגערמאן ר יוחנן בייער הי"ו פראבירט איהם אריין צו געבען חיזוק, עס זאל טאקע נתעורר ווערן די סגולה פון דעם חודש כסלו ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופרקן כהיום הזה.**

**דער אייבישטער זאל העלפן אז עס זאל שוין זיין הראיתו ה' חסדך, און ס'זאל קומען אויף א גריינגער אופן, און אזוי וועט ר' מרדכי יצחק טאקע האבן א זכות פון אריינברענגען שמחה ביי אלע אידן כן ירבו, און איך וועל אויך זיין א חלק פון די אידן.**

**דאז"ה אז מען זאל שוין בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה בכלל ובפרט מתוך שמחה ונחת תמיד. אמן**

ולמחרתו ביום ד' ויצא, הוסיף אדמו"ר מסקווירא להמלמד ר' יוחנן בייער הי"ו אחר שמחת הנחת תפילין לבנו היקר: **איך האב באקומען א מורא'דיגע בריוו פון ר' מרדכי יצחק סאמעט הי"ו ווי ער שרייבט וואס פאר א חיזוק איהר געבט איהם מיט די בריוון, איהר זאלט איהם ווייטער זעהן מחזק צו זיין אינדרויסן, אפילו נאך ער קומט ארויס אי"ה.**



# הוד כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א ברענגט א מזל טוב פון הר"ר מרדכי יצחק!

פאר די חשובע ליינער פון "מודה אני" איז שוין ברייט באקאנט דער נאמען הר"ר יוחנן בייער שליט"א מלמד תשב"ר אין ת"ת סקווירא מאנטרעאל, וואס האלט שוין אן א לענגערע צייט א קראספאדאנט מיט הר"ר מרדכי יצחק, ווי א טייל פון די בריוו ווערן דא נתפרסם, בנוסף צו דעם וואס ער האלט אן א מצב אין זיין כיתה אז די טייערע קינדער זאלן מתפלל זיין פאר זין באפרייאונג, האט זיך געמאכט א מעשה, אז הר"ר יוחנן שליט"א האט זוכה געווען אריינצוברענגען א קינד לעול התורה והמצות, און האט זיך גערישט צו לייגן תפילין ביי מורו ורבו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, אזוי ווי הר" מרדכי יצחק איז דערפון געוואויער געווארן האט ער שנעל אפגעשירבן א בריוו פאר כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א ווי ער ברענגט ארויס זיין התפעלות פון זיין געטרייער חסיד הר"ר יוחנן, און ווי ווייט זיינע פעולות זענען איהם מחזק, אז ער זאל איהם איבעגעבן א ווארימער גריס פון איהם.

ווען דער רבי שליט"א האט באקומען דער בריוו, האט דער רבי אויסגעדריקט זיין געוואלדיגער קורת רוח, און ווען הר"ר יוחנן איז אריין אל הקודש פנימה נאכן תפילין לייגן, האט דער סקווערער רבי איהם שטארק איבערראשט אז ער האט א ווארימער גרוס פון איהם פון א איד אין טורמע, פון הר"ר מרדכי יצחק, אין איהם פארציילט איבער דער בריוו וואס ער האט באקומען פון טורמע, און איהם גאר ווארים אנגעווינטשן אויף זיינע פעולות לטובה!

### א נאנטערן בליק איבער די הלך-ילך אין טורמע:

# וויאזוי מען באגייט זיך מיט א "שטוב-שותף"

(ראאמעי"ט בלע"ז)...

באשריבן דורך: ר' מרדכי יצחק סאמעט הי"ו

## פארווארט:

**מיר ברענגען דא א לענגערע ארטיקל וואס הר"ר מרדכי יצחק שליט"א האט אונז געשיקט בנוגע דער ענין פון א "שטוב מענטש", וואס דאס מיינט אין אלגעמיין פאר א ארעסטאנט, און וואס עס מיינט פאר א אידישער ארעסטאנט, ובפרט פאר א שומר תורה ומצות און נאכדערצו א חסידישער איד ווי הר"ר מרדכי יצחק שליט"א וואס דאס איז אייגענטליך א ענין וואס ער מוז זיך בע"כ ספראווענען די לעצטע 18 יאר.**

**און אט געבן מיר איבער דאס ווארט פאר ר' מרדכי יצחק:**

די סיבה פארוואס איך שרייב דעם ארטיקל וועט איר שוין זעהן במשך פון דעם ארטיקל, וואס עס קומט ארויס פון דעם, אז א מענטש מוז איינזעהן אז אין אלע אומשטענדן נישט קיין חילוק גרינגע אדער שווערע איז ער אין די הענט פונעם אייבירשטן אליינס, און ער וועט דיר נאר ווייזן אז וואס ער טוט איז נאך די בעסטע, אפילו איר טרעפט זיך אין א מאמעט וואס עס קוקט אויס די ארגסטע, דאך איז אלעס פון הקב"ה און עס איז די בעסטע וואס איז נאר שייך.

איינס פון די זאכן צו וואס מען מוז זיך צוגעוואוינען ווען מען לעבט אין די וועלט וואס רופט זיך "טורמע", דאס איז א "שטוב מענטש", באמת דער מושג פון א שטוב מענטש איז דא אין נאך פלעצער, עס איז דא אין א דארמעטארי פון א ישיבה, און אין מיליטער, קינדער אין קעמפ, וכדומה, ממילא האבן רוב מענטשן א שטיקל אהנוג פון וואס מען רעדט, אבע דאך ווען מען רעדט פון א טורמע מיינט דאס גאנץ אנדערש, אגב, דא אין טורמע שפראך הייסט דאס אויף ענגליש א "celly" or cell-mate, (א צעל שיתוף), צוליב וואס מיר האבן נישט קיין שטובער נאר "צעלן", אבער דא אין אונזער ארטיקל וועל איך דאס רופן א "שטוב מענטש", און אז מען רעדט שוין פון דעם לאזן מיר שוין אייך געבן אן אהנוג וויאזוי עס זעהן אויס אונזערע שטובער.

## די אויסשטעל פון די שטובער

און די "מאקסימום סעקיורעטי" טורמע'ס (אזוי ווי אטעסוויל) זענען די שטובער אזוי ווי "צעלן", דאס הייסט א שטוב מיט 2-3 מענטשן, דער שטוב איז בערך אזוי גרויס ווי א האלב פון דארמעטארי שטוב און א ישיבה, און דארט און שטוב איז דא א ביהכ"ס מיט א פורהאנג, און א שטיקל שויער, דער שטוב ווערט הערמעטיש פארמאכט יעדן טאג אום 8:00 ביינאכט, און ווערט געגעפנט בערך אום 6:00 צופרי, און די טורמע (אין עלוואוד) ווי איך געפין זיך יעצט דאס איז א "לאו סעקיורעטי" ווי דארט זענען די שטיבער גאר אנדערש, עס איז דא א גרויסע שטוב, און עס איז צוטיילט מיט דינע ווענטלעך, - "קיוביקל'ס", (אזוי ווי מען זעהט און אפיס וואס ווערט צוטיילט מיט דינע ווענטלעך), עס קענען זיין אין אין שטוב ארום 100 ארעסטאנטן, אין יעדע קיוביקל איז פארהאנען א "באנק בעט", מען האט נישט קיין פריוואטע ביכה"ס אדער שויער, עס זענען דא אין יעדע פאטיילונג "פאבליק ביהכ"ס אין שויער'ס", און עס ווערט נישט פארמאכט במשך פון די נאכט, און מען קען ארום גיין אין די האללס, אדער אין די פאבליק ביהכ"ס, אבער דער גאנצער אפטיילונג ווערט פארמאכט יעדע נאכט און 8:00 און ווערט געפענט אום 6:00 צופרי.

על פי רוב איז א "צעל" גרינגער ווי א "קיוביקל", צוליב וואס אין א צעל האט מען דאך עפעס פריוואטקייט, מען איז נאר אויסגעשטעלט צו נאך 1-2 שותפים, אבער אינעם קיוביקל איז מען ממש אין פאבליק, מען שלאפט צוזאמען מיט 100 מענטשן, און מען ווערט געשטערט זייער שנעל פון יעדע זאך, א טורמע איז א פלאץ ווי עס איז אלץ דא געשרייען, מען לעבט דארט מיט חיות טורפות, ממילא איז דאס אסאך שווערער, ווער רעדט נאך פון א איד, וואס צו לעבן מיט אזויפיל געגנסטער 24 שעה אין מעת לעת איז ממש א עקל, ווער רעדט נאך פון די גניבות וואס קומען פאר אפט, צוליב וואס אין א צעל האט מען א שטיקל שמירה פון גניבות, אבער אין אזא פלאץ ווי מען איז צוזאמען מיט אזויפיל מענטשן איז זייער שווער זיך צו היטן פון גניבות, אבער מען מוז מקבל זיין די גזירות באהבה.

איצט צוריק צו אונזער נושא פון "שטוב מענטשן"...

## די פראבלעמען וואס קענען זיך מאכן

ווען מען לעבט אין א טורמע איז דער נאנסטער מענטש וואס מען האט נעבן זיך איז דער "שטוב מענטש", מען גייט אדורך צוזאמען אלע סארט מצבים, מען האלט צוזאמען מיט איהם בשותפות א בעט, (די באנק בעט), מען האט די פאר לאקערס צוזאמען מיט איהם, מען מוז צוזאמען היטן אויף די ריינקייט, אזוי אויך אז אויב מען כאפט איינעם מיט האבן עפעס אומלעגאל

איז דער צווייטער שיתוף אויף פאראנטווארטליך אויף דעם, ממילא האפט מען שטענדיג צו האבן א גיטער "שטוב מענטש", סיי א מענטש מיט וועמען מען קען זיך אדורכקומען גרינג, סיי א מענטש וואס האלט ריין די שטוב, און סיי אז ער זיכט זיך נישט קיין צרות, און פארמאגט נישט מיט זיך קיין אומלעגאלע זאכן.

ווער רעדט נאך ביי א איד, איז די זאך גאר אנדערש, ווייל אויב איז דער שיתוף א "שונא ישראל", אדער סתם א שלעכטער מענטש, א כעסן, אדער א עקשן, א שווערע מענטש, דאן האט מען שטענדיג פראבלעמען, ווייל ווי נישט ווי האט דאך א איז פארשידענע געברויכן, ער קען שבת ויו"ט נישט טוען קיין מלאכות, ער קען נישט אויסלעשן די לעקטער, אדער אנרירן מוקצה זאכן, אמאל ווען מען קען נישט גיין אין טשאפל (ווי למשל ביי א"נעפל" ווי דער גאנצער אפטיילונג קען בלייבן פארמאכט, דארף מען דאווענען אינעם שטוב אדער קיוביקל, און מען דארף האבן די קאפעראציע פונעם צווייטן שיתוף, ווייל אויב ער איז נישט אנגעטון ווי עס באדארף (ואכמ"ל) קען מען נישט דאווענען, די זעלבע זאך אויב איז ער א דירעקט שמיציגער גוי איז דאס זייער שווער דאס לעבן טאג אין נאכט מיט אזלכע חברה וואס קענען אפטוען גאר געמיינע זאכן וד"ל.

רוב מאל קען מען נישט אויסוועלן ווער עס זאל זיין דיין שלאף שיתוף, און אפילו ווען מען קען אמאל יא בעטן אז מען וויל שלאפן מיט יענעם, ווייל ער איז אביסל אן איידעלער, דארף מען געדענקן אז ער איז נישט דיין "פריינט", און עס קען זיך זייער אפט מאכן גאר שווערע אומאנגענעמע מצבים, מען קען שרייבן גאר אסאך מעשיות וואס איך האב שוין מיגעמאכט מיט אזעלכע שטוב שותפים, עס איז א פאקט אז אזעלכע שיתופים וואס זענען אסאך מאל געווארן גאר גיטע פריינד, זענען אזאך מאל געווארן גאר גרויסע שונאים, און אפגעטון אסאך שלעכטס פאר די געוועזענע פריינד.

אסאך מאל מאכט זיך אז מען האט זיך שוין ענדליך באפריינדעט מיט איינעם, אבער מען נעמט איהם אוועק, פון איין מינוט אויפן צווייטן, אמאל ווייל ער האט זיך עפעס פארזינדיגט, ממילא שיקט מען איהם אין די "לאך–שו), אדער אז ער ווערט באפרייט פון תפיסה, און אויב דער בעט שטייט ליידיג פאר א שטיק צייט וועלן זיי ארייגשיקן א צווייטן און דיין באנק בעט, און עס ווערט ווייטער א זארג ווער וועט זיין דיין נייע שיתוף.

עס קען זיין צומאל אז מען קען בעטן אז מען זאל ארייגליגן א איד אלץ דיין שיתוף, אבער עס איז נישט דער בעסטער אויסוואך, צוליב וואס א איד דארף יעדן שבת זיך באניצן מיט א שבת גוי, למשל יעדן נאכט אום 12:00 דארף מען פארלעשן די לעקטער, אבער אויב עס זענען דא צוויי אידן קען מען עס נישט טוען, און די ווכטער אפילו זיי וויסן אז שבת טארן מיר נישט אויסלעשן א לעקטער וועלן זיי קנס'ן דעם איד פאר'ן נישט אויספאלגן זייער באפעל, אבער צומאל איז יא טובה אז דיין שיתוף איז א איד, צוליב וואס אין אלגעמיין וועלן די אידן זיך שטענדיג ארויסהעלפן.



# ב"ה! ס'איז דא גוטע נייעס ביי מיין טאטנ'ס קעיס!

**דא שרייבט צו אייך שלמה סאמעט בן הרה"ח מרדכי יצחק בן פיגא יהודית הי"ו**

עס איז ליידער שוין באקאנט אז מיין חשוב'ע טאטע זאל זיין געזונט, זיצט שוין אין טורמע אוועק פון אונזער שטוב פאר כמעט 18 יאר ה"י, (זייט איך בין געווען א קליין אינגל פון 5 יאר), במשך פון די פארגאנגענע יארן האט מען שוין געטוהן פארשידענע השתדלות'ער אהיימצוברענגען מיין טאט'ן, אבער ליידער דערווייל איז דער רצון השם געווען אנדערש, אלע באמיאונגען, לויער'ס, פעצטיציעס, איז ליידער דורכגעפאלן לדאבון לב כל בית ישראל, עס איז שווער צו שילדערן מיין פאטערס טאג טעגליכע ווייטאג, ובפרט זעהנדיג ווי די יארן לויפן אדורך און ער מוז ליידער אפצוזיצן זיינע שענסטע יארן פון לעבן, בנוסף וואס עס גייט אריבער אויף מיר מיט מיין גאנצע משפחה, ביי יעדע משפחה שמחה, ימים טובים, אן קיין ראש המשפחה - טראץ דעם, איז מיין טאטע זאל זיין געזונט אונז שטענדיג מחזק, מיט זיין שטארקע פעלזן פעסטע אמונה, אז **"אט אט וועט קומען די מינוט, און עס וועט נאך זיין א גרויסער קידוש השם!".**

**ועל של עכשיו באנו:**

אין די לעצטע 1 ½ יאר ארבעטן די חשוב'ע עסקנים שיחיו, מסדר צו זיין א קריטיש-וויכטיגע "לעגאלע פרוצעדור" וואס ווען דאס וועט ווערן מסודר עצהיו"ט, וועט דאס בעז"ה אריינברענגען א גאר נייע "סעטואציע", סיי איהם צו פארגריגערן אויף א גאר שטארקער עפעקטיווער פארנעם, און אויך וועט דאס איהם ארויסהעלפן בנוגע זיין גאנצן קעיס, (וואס וועט בעזר השם ברענגען דאס גינסטיגע ער זאל בקרוב אהיים קומען), אזוי אויך וועט דאס גאר שטארק פארלייכטערן אונזער משפחה'ס מצב.

עס איז שווער ארויסצושרייבן דא אלע דעטאלן, וואס מען דארף מסדר זיין, און וואס עס איז שוין געטוען געווארן דאס מסדר צו זיין, אבער אזויפיל קען מען זאגן אז אסאך שווייס און בלוט און שווערע עסקנות און השתדלות איז אריינגעלייגט געווארן דערינען, און באמת איז דאס אייגענטליך געווען די סיבה פארוואס ער האט געמוזט אריבער גיין די שווערע תקופה פון אסרו חג סוכות תשע"ח ביז איצט, אז מען האט אים געמוזט טרענספערן צו א נייע טורמע קיין "עלנוואוד פענסלוועיניע", ווי ער געפונט זיך איצט גאר ווייט פון די משפחה, (לכה"פ 3 שעה), צוליב וואס דער פרוצעדור דארף אריבערגיין א "קאורט", וואס נאר דארט אין די טורמע אין "עלנוואוד" איז דא די סערוויס פון די "קאורט רום" פאר די סארט ענינים, במשך פון די לעצטע תקופה ווארט מען שוין בכליון עינים אז מען זאל ווערן "אפראווד" פאר'ן קאורט.

**ב"ה אז מיר קענען מעלדן די בשורה טובה, אז די קארט האט אנגענומען זיין קעיס!, און עס איז באשטומט געווארן א דאטום פאר קעיס, דער דאטום איז מארטש**

**18** (י"א אדר ב' הבעל"ט)**, וואס דעמאלטס וועט פארקומען א הירינג אין קאורט, און דער שופט וועט גלייך ארויסגעבן דעם פסק, ובעז"ה האפנטליך לטובותינו.**

עס איז איבריג מסביר צו זיין אז אזא הירינג אין קאורט דארף זיין גאר גוט לעגאל צוגעגרייט, און דערפאר האבן מיר אויפנעמען א גוטן "ליגל טיעם" מיט די בעסטע ערפארענע לויער'ס, וואס זאלן צוגרייטן דעם קעיס, און איהם פארטיידיגן ביי דעם משפט, **ב"ה, לויט ווי די לויער'ס זאגן אונז, איז - על פי דרך הטבע - דא גאר גוטע שאנסן אז ער זאלן געווינען דעם קעיס בעז"ה.**

אבער ווי פארשטענדליך זענען די לעגאלע קאסטן גאר הויעך, די לויער'ס לאזן זיך באצאלן ממון ודמים, און מיר האבן זיי גארענטירט אז ביז א חודש וועט אי"ה זיין דאס גאנצע געלט, **און מען רעדט דא פון בערך $60,000.00!** און אויף דעם סמך האבן זיי שוין אנגעהויבן צו ארבעטן אויף זיין קעיס, ווי טאג טעגליך ווערט בעז"ה געמאכט פארשריט צו זיין פולקאם צוגעגרייט מיט אלע נויטיגע פאפירן וואס מען דארף.

דעריבער ווענד איך מיר דא צו אחב"י שיחיו מעומק הלב:

טייערע הארציגע ברידער, עס דארף געשאפן ווערן אין איין חודש דאס גאנצע געלט, ב"ה אז ווען איך האב מיר געוואנדן צו טייערע אידן האבן זיי מיר ארויסגעהאלפן, און אין די לעצטע וואכן האב איך שוין צוזאמגעשטעלט $10,000.00!, **אבער עס איז ווייט פון גענוג, איך ברויך האבן נאך $50,000.00! כדי אז די לעגאלע קאסטן זאלן ווערן פולקאם געדעקט!**

**טייערע ברידער רחמנים בני רחמנים, אמת איר האט שוין אסאך געטון פאר מיין טאטן שליט"א, איר האט שוין געשריבן פעטציעס, און אפילו מנדב געווען סיכומים, מי כעמך ישראל!, אבער איך בעט אייך נאכאמאל פון הארץ צו הארץ, חזקינו אך הפעם! לאזט מיר נישט פאלן!**

**אזוי אויך בעטן מיר אייך איצט ווען מיר גייען אריין אין די גרויסע טעג פון די ימי החנוכה, וואס מען קען פועלן גרויסע ישועות, דעריבער בעהט איך אייך - אז פאר די הדלקת הנרות ווען איר זאגט דעם לשם יחוד - לייגט צו אפאר אידישע ווערטער און זייט מתפלל פאר מיין טאטן מרדכי יצחק בן פיגא יהודית פאר א גאנצע ישועה בקרוב.**

אויב ווילט איר געבן א גרעסערע נדבה אדער איר ווילט וויסן מער אינפארמאציע, אדער פאר סיי וואס קענט איר זיך פארבינן מיט מיר אויף: sametfund@gmail.com, אדער קענט איר לאזן א מעסעדש אדער טעקסטן צו: 845-379-1264 ווי איך וועל בעז"ה זיך פארבינדן מיט אייך.

א יישר כח פאר אייער נדבה, דער אייבירשטער זאל אייך באצאלן בכופלי כפלים, וימלא ה' משאלות לבכם לטובה ולברכה אמן.

**הק' שלמה סאמעט**

בן הרה"ח ר' מרדכי יצחק הי"ו

נ.ב. ווען איך האב גערעדט מיט מיין טאטן שליט"א ביים פאריגן באזיך האט ער מסכים געווען אז פאר א נתינה פון $360 וועט ער דערמאנען אייער נאמען פארן צינדן די הייליגע חנוכה ליכט און בס"ד פועל'ן גרויסע ישועות.

## גליון מודה אני

**צו באקומען דעם גליון אדער פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון שיקט אן אימעיל צו**

MoideAniSamet@gmail.com

**אדער רופט\טעקסט אויף 845-202-0461**

## שיקט א בריוו

שרייבט פאר הר"ר מרדכי יצחק שליט"א אייערע הערות און געדאנקען אויפן גליון, אדער איבער סיי וואס, ער איז זיך מחי' מיט א יעדע בריוו, אימעיל, טעקסט וואס ער באקומט!

**שיקט איהם א בריוו** לדרוש בשלמו

Mordechai Samet
83253-054
Allenwood LSCI
PO BOX 1000
White Deer, PA 17887

**אימעיל**

mordchasamet@gmail.com

**טעקסט מעסעדש 718-618-9419**

**צו טעקסן אדער אימעילן קען מען נאר שרייבן אויף ענגליש און מען קען גארנישט עטעטשן**

**נ. ב. ווען איר שרייבט א בריוו ביטע זעהט אריין צו לייגן א אימעיל אדרעס , אדער א נומער ווי ר' מרדכי יצחק קען אייך קאנטאקטן דורך טעקסט. צוליב וואס צו שיקן א בריוו פון דארט איז פארבינדן מיט געוויסע שוועריקייטן איז דאס גרינגסטע פאר אים אייך צו באדאנקען און לאזן וויסן אז ער האט דערהאלטן דעם בריוו עלעקטראניש. (ווען ער וויל שרייבן א בריוו מוז ער באקומען פון זיי א אדרעס ארויסגעפרינט אויף א סטיקער, און דאס איז א גאנצע שפיל ביז מען באקומט דאס פון זיי).**

א) עס מוז זיין א ווייסע ענוועלאופ

ב) מען זאל נישט לייגן קיין שום "סטיקער" אויף די ענוועלאופ, נישט אויף די ריטורן אדרעס, און נישט אויף די אדרעס פון די תפיסה

ג) די ריטורן אדרעס מוז זיין קלאר געשריבן

ד) בעסער אז מען שרייבט א ריטורן אדרעס אויפן בריוו, ווייל צומאל עפענען זיי די בריוו, און זיזי געבן איהם איבער נאר די בריוו און נישט די ענוועלאופ, אזוי ווייסט מען נישט ווער עס האט דאס געשיקט.

## גייט באזוכן

**אזוי ווי די תפיסה איז זייער ווייט ארום 3 שעה פון אפסטעיט, און 4 שעה פון ברוקלין, וואס דאס איז זייער ווייט פון די היימישע געגנטער, דעריבער אפעלירן מיר**

**'פאר פרישע וואלענטירן'**

**וואס זאלן ארויפגיין אויפן 'וויזיטונג ליסטע'.**

**אזוי אויך זענען די קאסטן פון גיין באזוכן גאר הויך, דעריבער אפעלירן מיר צום אחינו בני ישראל שיחיו, ווער עס קען**

**מנדב זיין א טריפ $250**

**פאר די משפחה אדער גוטע פריינד אז מען זאל איהם קענען אפטער גיין באזוכן.**

**אויב ווילט איר גיין באזיכן קען מען באקומען אן אפליקאציע - דורכן שרייבן א אימעיל צו:**

MoideAniSamet@gmail.com

# השמיעני את קולך

געקליבענע אויסצוגן פון טוידענטע צוהערער...

גליון מורחב לכבוד חנוכה

גליון ע"ד-מקץ (חנוכה

## זה שואל לְבֵנָה... וזה עומד עליו ופוצע את...

א בחור האט מיר דערציילט אז ער האט געהאט א חבר אין קעמפ וואס האט געהאט א סמארטפאון. עטליכע מאל האט ער אים פרובירט איבערצורעדן עס אוועקצווארפן אבער אן ערפאלג.

כבה נר החשמונאי

היהדות החרדית הנאבקת על נפשה ונפש צאצאיה, עוטה אבל בעלותו בסערה השמימה של איש חיל, בעיצומו של המלחמה העולמית מול מבול של טומאה וטכנולוגיה, שפגעי הסמארטפון נקבצו עלי וטמאו כל בתינו והחשיכו את עיניהם של ישראל, דבק בדרכי אבותיו הק' לנטור את גחלת ישראל, הרים על נס את דגל המלחמה בהכריזו מי לה' אלי, יפיפיתה מבני אדם הוצק חן בשפתותיו בעמדו במלחמת הקודש ותבע את הודם והדרם של ישראל, השליך נפשו מנגד לטהר את בתינו, השמיע דבריו מנהמת ליבו הטהור לזעוק את זעקת נשמות ישראל הנידחים, לא חת מפני איש לתבוע הסירו את אלוהי הנכר הסמרטפון מקרבכם, זיכה רבים השיב מעוון וזכה להעמיד הדת על תילה.

הניף ידו להשריש את שנאת הרע והחובה להתרחק מדרכי הפשרות, הפיח רוח של עזות דקדושה, ללמד את בני יהודה קשת, חגור חרבך על ירך גבור הודך והדרך.

שומר משמרת הקודש

לוחם מלחמת ה' בעוז ובגבורה

הרב הצדיק רבי

שאול יצחק ראבינאוויטש

זצוקללה"ה

רב דק"ק "משכנות הרועים" קרית יואל

מזה בן מזה הגה"צ כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א

דין רפש מדבית אבא - זקנו הגדול אותו צדיק קברניטה של היהדות הנאמנה מטהרה של ישראל ומקדשה של ירושלים מרן הגה"ק רבי בנימין ראבינאוויטץ זיע"א

עלתה נשמתו בטהרה בהעלות את הנרות יום א' דחנוכה תשע"ט אחרי יסורים ומכאובים שקיבלם באמונה יוקדת

אבל יחיד עשי לך

יהדות נוא יארק אל שאול בכינה

הוא הגבר הוקם עול להושיע את יהדות הגולה, בעת התרגש עליהם צרת ה'סמארטפון', והנגע החל להתפשט, וראשי עם קודש עמדו אובדי עצות מול המגיפה המשתוללת, מן שמים הניחו לו מקום לגדור, קם בעוז רוחו לגדור את פרצת כרם בית ישראל, זכותו וזכות אבותיו מסייעתו, ועלתה בידו.

איך נפלו גיבורים בתוך מלחמה

היהדות החרדית בארה"ב

אין טאג האט דער בחור **מחליט געווען אז ער איז גרייט אויפצוגעבן זיין סמארטפאון**, און ער וועט גיין אינדרויסן, טרעפן א ציגל און עס צעברעכן. **פונקט דעמאלטס האט אראפגעטראסקעט א גרויסע לאמפ** וואס האט געהאנגען פונעם דאך **און צעשמעטערט זיין סמארטפאון** אויף שטיקער. **א סימן מן השמים אז דאס איז טאקע געווען רצון ה'.**

(מעסעדזש 18677)

### חכמת נשים

מיין ב"ב איז געווען ביים דאקטער מיט די קינדער, און אינעם ווארטן-צומער נעבן זיי איז געזעסן איינער מיט א גרויסע סמארטפאון. זי איז רואיגערהייט צוגעגאנגען צו אים און געזאגט, "מיינע קינדער זענען איינגעשריבן אין קדושים תהיו, דעריבער וויל איך בעטן אויב עס איז אפשר שייך נישט צו שפילן מיט'ן סמארטפאון נעבן זיי?" דער איד האט פארשטאנען דעם רמז און ער האט אוועקגעפאקט דעם סמארטפאון אין טאש.

(מעסעדזש 18176)

### ורוח נכון חדש בקרבי

איך האב געהאט די זכי' מעורר צו זיין א איד וועגן זיין נייע Kyocera 4G פליפ-פאון. ערשט האט ער געזאגט, "לאז מיר אפ, מען האט מיר געזאגט אז ס'איז געבלאקט."

### לכבוד איין טייערע און חשובע ציידע און באבע שיחיו עמו"ש.

דאס יאר, אזוי ווי אלע אנדערע יארן, קען איך קוים ווארטן אויף דעם הערליכן שיינע חנוכה מסיבה, ווי די גאנצע משפחה קומט זיך צוזאמען להודות ולהלל.

דעם זיסן טעם פון די מסיבה בלייבט ביי מיר א לאנגע צייט.

איין זאך פארטינקלט אבער דאס שיינקייט, און נעמט ארויס די טעם פון מויל, אז די פאר איינצעלע פון די משפחה וואס האבן נאך, נעבעך, די טעכנעלאגישע כלים, און זענען ביי די גאנצע מסיבה פארנומען זוכן און קריכן אויף די כלי, און ווייזן זיך איינער דעם צווייטן.

ס'איז אזוי אומבא'חנ'ט דאס צוצוקוקן, אנשטאט דאס אמאליגע געשמאקע פארברענג אינאיינעם און די הערליכע געזאנגען, הערשט עפעס א פראסטע אמטאספערע, אפגערעדט פון דעם אז איך האב פשוט מורא נישט ח"ו בטעות נכשל צו ווערן מיט א בליק אריין אין אזא טמא'נע כלי רח"ל, אדער ח"ו צו ווערן אנגערייצט דערפון.

דערפאר וואלט איך געוואלט בעטן אויב זיידי קען פארלאנגען – דאס וואס ווערט שוין היינט פארלאנגט אין צענדליגער אידישע שטובער – אז מ'זאל נישט ארויסנעמען קיין סמארטפאון דורכאויס די גאנצע מסיבה. אויב אבער פילט זיידי אז דאס איז נישט שייך, דאן אפשר זאל מען מאכן אן עקסטערע מסיבה פאר די וואס האבן נישט די אלע כלים, און דאס וועט טאקע זיין מיט'ן אמאליגן חן.

ווי עס בעט ענקער באליבטער אייניקל

ווערט א חלק פון טויזענטער אידן וואס זאגן תהלים יומי להצלת כלל ישראל מגזירת הטכנולוגי'

| | יום א' | יום ב' | יום ג' | יום ד' | יום ה' | ער"ש | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מקץ | קיח | קיט | קכ | קכא | קכב | קכג | קכד |
| ויגש | קכה | קכו | קכז | קכח | קכט | קל | קלא |




למעשה האט מען עס געעפנט פאר אים און מען האט אים געברענגט א נייע 4G פאון וואס מען קען געהעריג בלאקירן, פון דעם קאמפעני LG.

קודם איז ער געווען ברוגז אז איך האב עס געעפנט, אבער נאכ'ן אריבערטוישן צו דעם צווייט'ן פאון האט ער מיר געזאגט, "זאלסט וויסן, **איך שפיר יעצט ווי א בעל תשובה**. איך שפיר **ווי איך האב א נייע אידישע נשמה**."

כן יאבדו כל איביך ה'.

(מעסעדזש 18781)

### מען וועט דיר א נאמען געבן "מסית ומדיח"!

אן אויסצוג פון א דרשה פון א חשובע בעל דרשן:

"הונדערטער טויזנטער מענטשן דרייען זיך ארום מיט היתרים אין טאש! איך וואלט אפילו געזאגט די מאמעס מער ווי די טאטעס. אלע האבן זיך גענומען היתרים וואס קיינער האט זיי נישט געגעבן...

א טאטע וואלט געמוזט קומען שרייען, "געוואלד! ליידער מוז איך האבן אזא כלי משחית, קענסטו מיר מצמצם זיין די מינימום שבמינימום אז איך זאל עס קענען נוצן?"

אפילו נוח, לאמיר שוין זאגן, אז א איד האט באמת א היתר. אבער וואספארא היתר האט ער צו ווערן א מסית ומדיח? אויף דעם האט ער אויך באקומען א היתר? ער האט א היתר זיך ארומצודרייען מיט א כלי משחית אין טאש, אין ביהמ"ד, אינדערהיים?

עלטערן שרייען צו מיר, איך הער טאג און נאכט,"מיין זוהן וויל א סעלפאון, ער וויל דאס, ער וויל יענץ..." און מען דינגט זיך, "פארוואס נישט דאס און פארוואס נישט יענץ..."

פון וואו נעמט ער דאס? ער זעהט עס ביי אנדערע און ער ווערט אנגערייצט!

וועסט קומען אויף יענער וועלט, און מען וועט דיר א נאמען געבן 'מסית ומדיח' פון צענדליגע אידישע בחורים. וואו האסטו א היתר עס ארויסצונעמען ברבים?! ס'איז די גרעסטע כלי משחית שבעולם און מען נעמט עס ארויס מיט די גרעסטע מאס הנאה. יא פילטער, נישט פילטער, וואס איז דער נפקא מינא...

(מעסעדזש 17379)

### מיצוה ועושה

א מאדערנע איד האט מיר געזאגט אז **דער סיבה פארוואס ער האט נישט קיין סמארטפאון** איז ווייל ער **וויל א סעלפאון וואס ער קען אים הייסן וואס צו טוען**, און נישט א פאון וואס הייסט אים וואס צו טוען.

(מעסעדזש 18378)

### כרטיס טיסה

איך בין געווען אויפן פליגער, און איך האב באקומען א זיץ נעבן א פרוי, האב איך געטוישט מיט איינער, אבער מיין נייע פלאץ איז געווען נעבן א איד מיט א סמארטפאון. עס האט בכלל נישט אויסגעזעהן ווי ס'איז שייך צו מוחה זיין, האב איך מחליט געווען ארויסצונעמען א 'השומרים קארטל' וואס איך האב געהאט אין טאש, פשוט אז איך זאל געדענקען ווער איך בין. איך האב עס ארומגעדרייט אז די ווערטער זענען געווען פון אויבן און עס געלייגט אין פארנט פון מיר.

דער צווייטע איד, איך ווייס נישט צו ער האט אפילו געקענט לייענען וואס איז דארט געשטאנען, און ער האט זיכער נישט געהערט דערפון. אבער ער האט עס געזעהן, און ער האט אוועקגעלייגט זיין סמארטפאון און ארויסגענומען א ספר. אזוי איז געבליבן ביז'ן סוף פונעם רייזע, ממש א נס למעלה מדרך הטבע.

(מעסעדזש 18336)

### יפת אלוקים ליפת וישכון באהלי שם

איך לערן פריוואט מיט א בחור אין די סקווירא ישיבה גדולה, און איך האב געזעהן ווי **דער גוי** וואס ארבעט דארט **דרייט זיך מיט א כשר'ע סעלפאון.**




"וואס גייט דא פאר?" האב איך געפרעגט מיין תלמיד.

האט דער בחור ערקלערט אז **דער גוי טאר נישט אריינברענגען קיין סמארטפאון אינעם גאנצן בנין.**

מען דארף זעהן אז אין

אלע חדרים און ישיבות און אפילו די גראסעריס זאל מען דאס איינפירן. דער גוי דרייט זיך און דער סמארטפאן דרייט זיך מיט און יעדער קען זעהן אלעס וואס טוט זיך אויפן סקרין פונעם גוי'ס סמארטפאון.

(מעסעדזש 18789)

**וירא כי לא יכול לו – דער אויבערשטער גייט געווינען!**

אין פרשת וישלח, ווען יעקב האט זיך געשלאגן מיטן שר של עשו, און ס'איז געקומען צופרי און דער שטן האט געזעהן אז ער קען אים נישט בייקומען, האט ער פרובירט איין לעצטע זאך און געגעבן א שטויס פאר יעקב.

**דער שטן האט געזעהן אז ער גייט פארלירן** דער מלחמה וואס ער פירט מיט די כלים הטמאים, האט ער פרובירט צו שיסן איין לעצטע פייל, און **ר' שאול יצחק זצוק"ל איז צוגענומען געווארן פון אונז**. אבער דאס מיינט נישט אז ער האט געוואונען, נאר פארקערט! **מיר האלטן שוין ביים סוף**, און דאס איז דער לעצטע שטויס וואס ער האט פרובירט צו געבן.

**אבער, ולא יכול לו!** אויבן אין הימל קען ער א סך מער אויפטוען אז ויבוער רוח הטומאה מן הארץ, ווייל איז ער בלי מוגבל, למעלה מן המקום והזמן.

אזוי ר' שאול יצחק זצוק"ל פלעגט שטענדיג זאגן בשם דער חפץ חיים, "**דער אויבערשטער גייט געווינען!**"

**כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל.**

(מעסעדזש 18868)

**זרקתי ונושעתי**

איך קען א **בחור** וואס **האט געהאט אן אייפא"ד**, און ער האט זיך געמוטשעט מיט מורא'דיגע שווערע נסיונות. בין כך ובין כך האט ער געדארפט א גרויסע ישועה. ער האט אפגעמאכט אז **ער וועט עס צעברעכן** און דער באשעפער וועט העלפן, אז **בזכות דעם וועט ער האבן דעם נויטיגע ישועה.**

און ער האט טאקע אזוי געטוען, און **ביז געציילטע טעג איז דער ישועה אנגעקומען.**

(מעסעדזש 18625)




**כי אש יצאה מחשבון נתן בניו פלטים**

א איד וואס דאוונט אין מיין ביהמ"ד האט געהאט א סמארטפאון, און ער האט זיך געהאלטן אין איין פארענטפערן אז ער דארף עס לצורך פרנסה, און ער קען נישט טוען קיין פרנסה אן דעם.

לעצטע וואך שבת איז געווען א פייער נעבן דעם ביהמ"ד, און דער גאנצע עולם איז ארויסגעלאפן מיטצוהאלטן וואס גייט פאר.

איך האב געזעהן ווי דער איינגערמאן'ס זוהן רופט זיך אן צו זיין טאטע, "**איך האב געזעהן עפעס א גוי כאפט א ווידיאו** פון דעם פייער מיט זיין סמארטפאון, איז מוצאי שבת **וועל איך עס קענען זעהן אויף דיין סמארטפאון...**"

(מעסעדזש 18681)

# חנוכה  מסיבה

**כדי אז מיר אלע זאלן קענען האבן א געשמאקע מסיבה, און אלע קינדער און אייניקלעך זאלן זיך קענען באטייליגן פון אנהייב ביז'ן ענדע, ביטע נעמט נישט ארויס אייער סמארטפאן ברבים.**

כדי צו מונע זיין אומבאקוועמליכע געפילן, ביטע רעדט נישט דערפון נישט לאיסור און נישט להיתר.

**בראשונה** היו אומרים, כל מי שיש לו פרנסה, ויש לו צורך, מותר בסמארטפאון. יש לו פרנסה ואין לו צורך, יש לו צורך ואין לו פרנסה, אין לו לא זה ולא זה, אסור, משרבו עוברי עבירה והתירו להם כל עבירות שבתורה, לצורך פרנסה, עמדו והתקינו שיהא הסמארטפאון כולו אסור:

**גמ'** מאי סמארטפאון, חכמי מטראללא אמרי סמארטפאון הוא כלי של מתכות ושל זכוכית, והוא כמו אריך וקצר וכשנופל על הקרקע הוא נשבר לרצוצין דקין, כשבאו חכמי עפל מהתם להכא אמרו, דאף כשנשקע במיא ג"כ מיתברא. ומאי עבדו בהון, ת"ר אמרקאי טפשאי הולכין בהון ומסתכלין בהון ומדברין בהון ועושין כל צורכם בהון ובאין לידי כמה איסורא דאורייתא, ומדבקין בהון לקיים מה שנאמר והייתם משוגע, והאמרי אינשי דהסמארטפאון יש בו כדי לפרנס את העולם כולו לשנים עשר יובלות ואית דאמרי לחמישים יובלות, ותו והא ההוא גברא דאתא בבי מדרשי וצווח כי כרוכיא דהסמארטפאון הוא צורך פרנסה, עד שעמד והכריז כל הכופר בסמארטפאון הרי זה מתחייב בנפשו, איבעית אימא הא לן והא להו, ואיבעית אימא הא קודם גזירה והא לאחר גזירה. צורך פרנסה: איבעיא להו, קאר סערוויס מהו, רעגיסטער בחנוני מהו, עלעקטרישען מהו, באק קיפפער מהו, בחור בישיבה ומוכר סגרטיה מהו, מי אמרינן דצריך שיהא הפרנסה צורך בהם וליכא, או דילמא כיון דיש לו פרנסה וגם יש לו צורך כדי לנצל הזמן צורך מיקרי, תיקו. איבעיא להו, היה לאחד פרנסה אבל לא היה לו סמארטפאון ולאחיו לא היה פרנסה, האם מותר בסמארטפאון משום פרנסת אחיו או לא, מי אמרינן דההיתר דוקא להאיך שיש לו פרנסה אבל לאחרינא לא, או דילמא היתר ביזנעס רובץ עליו, וכיון שהביזנעס הזה לית ליה סמארטפאון, כל מי שרוצה ליטול את השם יבוא ויטול, תיקו. משרבו עוברי עבירה: תנו רבנן ההוא גברא דקרי ושני והיה מסיק שמעתתא אליבא דהילכתא, ושימש תלמידי חכמים, ואזל וקני לעצמו סמארטפאון ולכל אחד היה אומר דהוא צריך ליה לפרנסתו, אמרו לא היה ימים מועטים עד שחירף וגידף והיה מדבר דברי מינות ואפיקורסות וחילל שבת בפרהסיא, ההוא גברא דקני סמארטפאון באמתלא לצורך פרנסה, ונשארה אשתו אלמנה בחיי בעלה, והיו אינשי מלעיגים עליו ואמרו, על כן עוזב האיש את אשתו ודבק בסמארטפאון. ההוא זוגא דהוה ליה לכל חד מיניה שני סמארטפאונים אחד ליום ואחד ללילה, ואיכא דאמרי אחד לימות החול, ואחד לשבתות וימים טובים, והיו בניהם מתגלגלין בשוקא כיתומים בחיי אביהם ולית מאן דאשגח בהו, והתירו להם לומר קדיש יתום בחיי אביהם. וכד חזו רבנן דאתיא לידי תקלה, גזרו גזירות עד שגזרו ששום אחד לא יקנה לעצמו כלי סמארטפאון:

בראשונה. סמארטפאון. בגמרא מפרש: פרנסה. בגמרא איבעיא אי דוקא כשיש לפרנסה צרך בו או אפילו כשאין לפרנסה צורך בהם: יש לו פרנסה ואין לו צורך. כגון שיש לו פרנסה בהרחבה ואין צריך לאותו ריוח מיוחד שיש להרויח עם סמארטפאון, או שאין לו מה לעשות עם הסמארטפאון לצורך פרנסתו וכמבואר בגמרא, וקשה דלכאורה אין רואין סימן ברכה על ידי ראיות אסורות, וכדאמרינן בגמרא דאין רואין סימן ברכה מחשש נידנוד עבירה, וצריך עיון: משרבו עוברי עבירה. בגמרא מפרש: גמרא כלי של מתכות. דהיינו מתכות מלאחריו וזכוכית מלפניו, ובא בכמה מיני גוונים: חכמי מטראללא. הם יוצרי כלי סמארטפאון: חכמי עפל. הם גם כן יוצרי סמארטפאון, פעם אחד ישבו כמה עסקני יהודים עם בעלי העסק עפל, ובקשו שיעשו סמארטפאון באופן כשר ומהודר שלא יהיה בהם חשש נידנוד איסור, והם עמדו והכריזו שהם משקיעים אלפים ורבבות שיהא בהכלים ההם כח המושך להמשיך צעירי הדור, וזה דוקא על ידי ראיות אסורות: אף כשנשקע במים. וזהו דאמר דוד המלך עליו השלום אל זאת יתפלל כל חסיד אליך רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו: ומסתכלין בהון. כל דבר איסורא ליצנות לשון הרע שקרים וכולהו: כי כרוכיא. כמו תרנגול: קאר סערווים. המוליך אנשים ממקום למקום, והאיבעיא האם אמרינן דכיון דיש לו זמן מרובה שיושב בטל וכשיש לו סמארטפאון יכול למלאות החיסרון, צורך פרנסה מיקרי, או דילמא ניתי ספר וילמוד: רעגיסטער. האיש היושב אצל שולחן החנוני ומחשב חשבונו של הקונה, והאיבעיא האם אמרינן כיון דאיכא זימנא דליכא קונים ממילא מיקרי צורך כמו הקאר סערווים, או דילמא כיון דאיכא זימנא דיש אנשים מרובים, והסמארטפאון מבלבל כדי לזהות אותו בדברים בטלים ומפריע פרנסתן וכשהוא טרוד עם הסמארטפאון אזי נתקבץ שורה גדולה אצל הרעגיסטער ואם כן אדרבה הסמארטפאון הוא בניגוד צורך פרנסתו: אחיו. לאו דוקא, אלא שדיברו חכמים בהווה: בחור בישיבה: יש לו צורך כדי לנצל זמנו, אבל אין צורך בפרנסתו כלל כיון שמזונתו מוטלת על הישיבה: אלמנה: היא נשארת גלמודה בלא בעל: גזרו גזירה: מתחלה היו אומרים ששום אדם לא יכנס סמארטפאון בבי מדרשא, ואחר כך הוסיפו וגזרו שלא יכניס אדם את הסמארטפאון לתוך ביתו, ואחר כך הוסיפו ואמרו שהסמארטפאון מותר אך ורק במקום הפרנסה, עד שהכריזו בקול רם בכל תפוצות ישראל, דהסמארטפאון אסור לגמרי לכל איש ישראל, מלמד שהיו ישראל מצויינים שם, שכל אחד רואה ומכיר שהטעלעפאון היהודי טעלעפאון כשר לגמרי:

- הדף הזה הוא בנוי בצלם ובדמות תבנית הגמ' הבבלי, כדי להמחיש את הענין באופן מוחשי - ועיון, להבהרת הענין -

הגליון הזה נתנדב לע"נ הרה"צ רבינו **שאול יצחק** בן יבלחט"א **רפאל חיים יחיאל** ראבינאוויטש אב"ד משכנות הרועים

ולע"נ ר' מאיר ב"ר דוד ז"ל נלב"ע יום א' דחנוכה תשע"ח

צו מנדב זיין, אדער פאר הערות רופט אריין און דרוקט 9, 4, 5 פון די מעי"ן מענ"ו